STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05142

PROBLEMEN FUN DER HAYNTTSAYTIKER YIDISHER SOVETISHER LITERATUR

G. Remenik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק פון „סאָוועטיש היימלאנד" № 5

ביילאגע צום זשורנאל נומ. 5, 1980

הערש רעמעניק

פּראָבלעמען פון דער היינטצייטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל" • מאָסקווע • 1980

אונטער דער אלגעמיינער רעדאקציע

פון ארן ווערגעליס

הערש רעמעניק איז געבוירן געוואָרן אין 1905 אין שטעטל מאָנאסטירישטשע (קיִעווער געגנט, אוקראַינע). אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1927. פאַרענדיקט די אספּיראנטור אין מאָסקווער פּעדאגאָגישן אינסטיטוט אף וו. אי. לענינס נאָמען. אין 1937 פאַרטיידיקט א דיסערטאציע „שאָלעם־אליינכעמס נאָוועלן״ און באקומען דעם טיטל קאנדידאט פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן. געארבעט אלס דאָצענט און געלייענט לעקציעס איבער דער געשיכטע פון דער ייִדישער און רוסישער ליטעראטורן אין די פּעדאגאָגישע אינסטיטוטן פון מאָסקווע, מינסק, האָמעל און יאראָסלאוול. אין 1972 באקומען דעם טיטל דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן (פאַרטיידיקט די דיסערטאציע „שאָלעם־אליינכעמס שאפונג״ אין אינסטיטוט פון דער וועלט־ליטעראטור אף מ. גאָרקיס נאָמען).

אָנהייבנדיק פון 1964 — פאַרוואלטער פונעם קריטישן אָפּטייל אין זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד״. פאַרעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאנד״ און אין א ריי רוסישע פּעריאָדישע אויסגאבעס א גרויסע צאָל ארבעטן איבער פראגן פון ייִדישער און רוסישער ליטעראטור. אין 1959 איז דערשינען אין רוסיש זײַן בוך «Поэмы Александра Блока» („אלעקסאנדער בלאָקס פּאָעמעס״). אין 1963, אין צוזאמענהאנג מיט שאָלעם־אליינכעמס הונדערטסטן געבורטסטאָג, האָט דער פארלאג פון קינסטלערישער ליטעראטור ארויסגעלאָזט ה. רעמעניקס מאָנאָגראפיע „שאָלעם־אליינכעם״ און אין 1975 איז אין פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל״ דערשינען זײַן בוך „עטיודן און פּאָרטרעטן״. מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד״, וווינט אין מאָסקווע.

1. טראַדיציעס. ווירקונגען. נאָוואַטאָרישקײַט

די שאַפונג פון יעדער שרײַבער און די ליטעראַריש־קינסטלערישע שאַפונג ביכלאַל איז אין דער אָדער יענער מאָס אַן אָפּשפּיגלונג פון דער ווירקלעכקײַט, פון דער עפּאָכע. שוין דערמיט גופא איז די קינסטלערישע שאַפונג אָרגאַניש פאַרבונדן מיט די טראַדיציעס פון די פאַרגאַנגענע היסטאָרישע עפּאָכעס, ווײַל די הײַנטצײַטיקע ווירקלעכקײַט פונעם פאָלקסלעבן וואַקסט אַרויס פון דער פאַרגאַנגענהײַט און אַנטוויקלט זיך אין אַ באַשטימטער מאָס אונטער דער ווירקונג פון די פריערדיקע צײַטן. מאַרקס האָט דעם געדאַנק אויסגעדריקט אין פאָלגנדע שורעס: „מענטשן שאַפן זייער אייגענע געשיכטע, נאָר זיי שאַפן זי ניט אַזוי, ווי זיי ווילט זיך, — זיי קומט אויס טעטיק צו זײַן ניט אין אומשטענדן, וועלכע זיי אַליין האָבן אויסגעקליבן, נאָר אין אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס זײַנען ניט אָפּהענגיק פון זייער אויסוואַל, אין באַדינגונגען, וועלכע רינגלען זיי אַרום און וועלכע זיי האָבן געיאַרשנט. די טראַדיציעס פון אַלע טויטע דורות הענגען ווי אַ קאָשמאַר איבער דעם באַוווסטזײַן פון די לעבעדיקע“[1].

פונקט ווי די געשיכטע פון דער געזעלשאַפט אַנטוויקלט זיך אויפן באָדן פון טראַדיציאָנעלער קאָנטינויִטעט, אַזוי איז אויך די ליטעראַטור־געשיכטע אַ לאַנגע קייט פון געבונדענע צווישן זיך רינגען. וואָס מער די שאַפונג

[1] Карл Маркс и Ф. Энгельс об искусстве, т. I, М., 1957, стр. 129—130.

פונעם שרײַבער איז פארבונדן מיט דער הײַנטצײַטיקער עפּאָכע, אלץ שטארקער און טיפער איז ער אײַנגעוואָרצלט אין דער ליטעראטור־היסטאָרישער טראדיציע. דאָס האָט א שײַכעס סײַ צו דעם אינהאלט פונעם שרײַבערס שאפן, צו די טעמעס און געשטאלטן פון זײַנע ווערק, סײַ צו דער פאָרם, צו דער שפראך, צו די מיטלען פון קינסטלערישער שילדערונג. דער קינסטלער קאָן ארויסטרעטן אלס סאמע ראדיקאלער נאָוואטאָר, אָבער ער וועט אלציינס זײַן שטענדיק פארבונדן מיט די טראדיציעס פון דער פארגאנגענהײַט. אין קעגנפאל איז ער אָן אומבאדײַטנדיקער שעפער, וועלכער וועט אליין אויך ניט שאפן קיין טראדיציע און וועט ניט איבערלאָזן קיין שפור אין דער ליטעראטור.

די גאוינים פון דער וועלט־ליטעראטור האָבן קיינמאָל ניט אָפּגעלייקנט די פארבינדונג פון זייער שאפונג מיט דער טראדיציע. ל. נ. טאָלסטאָי האָט אליין דײַטלעך פארצייכנט זײַן קרויווערשאפט מיט סטענדאלן, פושקינען. פושקין האָט שטענדיק אונטערגעשטראָכן זײַן פארבינדונג מיט שעקספירן, וואָלטערן, בײַראָנען, מיט דער אלט־גריכישער ליטעראַרישער טראדיציע, מיט דער ביבלישער ליטעראטור, מיט דערזשאווינס, זשוקאָווסקיס, ראדישטשעווס, באטיושקאָווס שאפן. אלעקסאנדער בלאָק האָט אין זײַנע לידער און ארטיקלען ניט איין מאָל גערעדט וועגן דער נאָענטקײַט פון זײַן שאפן צו שעקספירן, היינען, סטרינדבערגן, איבסענען, קימאט צו אלע באדײַטנדיקע רוסישע שרײַבער ביז אים. אין דער ײִדישער ליטעראטור איז אמערסטן אײַנגעוואָרצלט אין דער טראדיציע שאָלעם־אלייכעם. און ניט בלויז אין דער טראדיציע פון דער ײִדישער ליטעראטור, נאָר אויך פון דער וועלט־ליטעראטור, און באזונדערס — פון דער רוסישער ליטעראטור. ווי אלע גאוינישע שרײַבער, האָט שאָלעם־אלייכעם ניט מוירע געהאט, אז מע וועט אים האלטן פאר א „נאָכמאכער״, א „קאָפּיִסט״; ער האָט אליין אָנגעוויזן בא יעדער געלעגנהײַט, אז זײַן שאפונג איז פארבונדן מיט דער טראדיציע פון אזעלכע שרײַבער, ווי סערוואנטעס, היינע, סוויפט, טעקעריי, זאָליא, גאָגאָל, נעקראסאָוו, שטשעדרין, אָסטראָווסקי, טשעכאָוו, גאָרקי. און טאקע דערפאר, ווײַל ער איז אליין געווען אָרגאניש פארבונדן מיט דער טראדיציע פון דער אלוועלטלעכער קולטור און ליטעראטור, האָט ער אויך געשאפן א רײַכע טראדיציע, וואָס דויערט ביז הײַנטיקן טאָג. מ. ליטוואקאָוו איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געשריבן: „קימאט אלע ײִדישע שרײַבער פאר די לעצטע צענדליקער יאָר זײַנען

אויסגעוואַקסן און האָבן זיך אַנטוויקלט אונטער שאָלעם־אַלייכעמס ווירקונג. פון זײַנע ווערק האָבן זיי זיך געלערנט, און זײַנע זעונגען און סימבאָלן, אָפּגעריייניקטע פון עניני דיומאַ (איניאָניי דעיוימאָ — טאָג־זאַכן, טאָג־קלייניקײַטן. — ה. ר.) און בעקיוונדיקער אַנעקדאָטישקײַט, וועלן אָף שטענדיק פאַרבלײַבן אין אונדזער ליטעראַטור"[1].

די אַנטוויקלונג פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור האָט פולשטענדיק באַרעכטיקט מ. ליטוואַקאָווס פּראָגנאָז. די באַדײַטנדיקסטע יידישע פּראָזאַיקער זײַנען טאַקע אָפּן ענגסטן אויפן פאַרבונדן מיט שאָלעם־אַלייכעמס טראַדיציע פון רעאַליזם, פאָלקסטימלעכקײַט און הומאָר. ווער קאָן צווייפלען, אַז בערגעלסאָנס פּענעק איז אַ גאָר נאָענטער קאָרעוו פון מאָטל פּייסי דעם כאַזנס, אַז די רײַכקײַט פון דער פאָלקס־שפּראַך, די פינקלענדיקע דיאַלאָגן און פאָלילאָגן אין „באַם דניעפּער" זײַנען פאַרבונדן מיט שאָלעם־אַלייכעמס פאָלקס־לאָשן? בערגעלסאָן איז טאַקע ביז דער רעוואָליוציע, ביז „באַם דניעפּער" מער געווען גענייגט צו פאַרעצן מיט זײַן אינערלעכן מאָנאָלאָג און מיט זײַן שטרענג געצוימטן וואָרט און זאַץ. אָבער אין „באַם דניעפּער" האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו שאָלעם־אַלייכעמען אי מיט דעם צענטראַלן העלד (פּענעק), אי מיטן שפּראַך־סטיל. איציק קיפּניס איז גלײַך נאָכן דערשײַנען פון „כאַדאָשים און טעג" דערקלערט געוואָרן פאַר איינעם פון די יאָרשים פון שאָלעם־אַלייכעמען. און דערקלערט האָט אים פאַר אַזאַ יורעש טאַקע דאָוויד בערגעלסאָן, וועלכער האָט שוין דעמלט געאַרבעט איבער זײַן פּענעקן און האָט אַוודע ניט ווייניק געטראַכט וועגן שאָלעם־אַלייכעמען. בערגעלסאָן האָט אין הויפּט־העלד פון „כאַדאָשים און טעג", אײַזיקן, געזען אַ ווײַטערדיקע פאָרזעצונג פון שאָלעם־אַלייכעמס מאָטל פּייסי דעם כאַזנס. זעלבסטפאַרשטענדלעך, עס האַנדלט זיך ניט בלויז אינעם הויפּט־העלד, נאָר אין דער גאַנצער מאַניר פון שילדערן די סוויווע און די געשעענישן, אין דער מאָנאָלאָגישער דערציילערישער פאָרם, אינעם הומאָר. דאָס איז אַנערקענט געוואָרן ניט נאָר אין דער סאָוועטישער קריטיק, נאָר אויך מיצאַד אַזאַ קריטיקער, ווי ש. ניגער אין אויסלאַנד.

דער זעלבער ש. ניגער האָט אין זײַן אָפּהאַנדלונג וועגן מוישע קולבאַקס „זעלמעניאַנער" פעסטגעשטעלט, אָף זײַן אויפן, פאַרשטייט זיך, אַז

---

[1] מ. ליטוואַקאָוו. אין אומרו. קיִעווער פאַרלאַג, 1919, ז. 95.

מוישע קולבאַק זעצט פאָר די טראַדיציעס פון מענדעלען און שאָלעם־אליי־כעמען מיט זײַן שילדערן דעם פאָלקס־שטייגער, די פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע, די פאָלקס־טיפּן, מיט זײַן פאָלקס־שפּראַך און מיט זײַן פאָלקס־הומאָר.

דאָס זעלבע קאָן מען אויך זאָגן וועגן מייער אַלבערטאָנען, וועגן זײַנע „ביראָבידזשאַנער" און וועגן „שאַכטעס".

אויך די שרײַבער פונעם יינגערן דאָר יידישע סאָוועטישע פּראָזאיקער האָבן פאָרגעזעצט און זעצן איצט פאָר מיט דערפאָלג שאָלעם־אליי־כעמס קלאַסישע טראַדיציעס. ווען עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן בוזי אָליעווסקיס „אָשערל און זײַנע פרײַנט", האָבן אַלע גלײַך דערזען, אַז דער הויפּט־העלד אָשערל איז ווידעראַמאָל טאַקע — מאָטל פּייסי דעם כאַזנס אַ בלוט־אייגענער ברודער. און הערשל פּאָליאַנקערס שמײַע גאַזלען האָט דען ניט אין זיך קיין שטריכן פון טעוויע דעם מילכיקער מיט זײַן פאָלקסטימלעכ־קײַט, מיט זײַן אָפּטימיזם און מיט זײַן הומאָר? און דער בעקער פון קאָ־לאָמייע, דער טאַלאַנטפולער אַקטיאָר, דער באַגאַבטער שעפערישער פאָלקס־־מענטש מאַקס קרייסלער — צי זעט מען דען ניט, אַז אין זײַנע אָדערן פליסט ערטערוויַיז דאָס בלוט פון דעם הויך־טאַלאַנטירטן פידלער סטעמפּעניו, פון יאָסעלע סאָלאָוויי? דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן אויך וועגן יויסעף ראַבינס הומאָר און זײַנע פאַרשוינען, וועגן טעוויע גען און זײַן לירישן שמייכל, וועגן אַלעקסאַנדער גובניצקיס העלדן. אַפילו י. רוביאַן, וועלכער האָט נאָך ניט געהאַט קיין גענוגנדיקע אָנזאַמלונג פון ליטעראַ־ריש־שעפערישע ווערטן, אַפילו ער האָט שוין געגעבן אַזעלכע „מאָנאָ־לאָגן", ווו עס פילט זיך שאָלעם־אלייכעמס פרוכטבאַרע ליטעראַרישע טראַדיציע.

אויך אַנדערע יידישע קלאַסיקער — מענדעלע מויכער־ספאָרים, י.־ל. פּערעץ, אַבראַם רייזען, דאָוויד בערגעלסאָן, שאָלעם אַש זײַנען אָפּן סאַמע אָרגאַנישן אופן פאַרבונדן מיט די ווײַטע און נאָענטע יידישע און אַל־וועלטלעכע קולטור־טראַדיציעס. אַנדערש וואָלטן זיי ניט געקאָנט האָבן קיין דויערהאַפטיקע ווירקונג אַף דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור. עס איז ניט שווער פעסטצושטעלן פּערעצעס ווירקונג אַף בערגעלסאָנס און אַף דעם ניסטערס שאַפן. דאָס איז ניט בלויז טראַדיציע, נאָר דירעקטע ווירקונג. טאַקע דורך אָט די צוויי גרויסע קינסטלער האָט די פּערעץ־טראַדיציע זיך געלאָזט הערן אין דער ווײַטערדיקער אַנטוויק־לונג פון דער יידישער סאָוועטישער פּראָזע, אין דער שאַפונג פון אַזעלכע

שרײַבער, ווי נויעך לוריע, ש. גאָדינער, מ. דאַניעל, ה. אָרלאַנד, מ. אלט־מאַן, נאָטע לוריע, כ. מעלאַמוד, ש. גאָרדאָן, ע. גאָרדאָן, ב. מילער, נ. זאַ־בארע, י. פאַליקמאַן, און אין די לעצטע צוויי צענדליק יאָר — אין די ווערק פון י. שרײַבמאַן, ש. גאָרשמאַן, ה. ראַבינקאָוו, ר. רובין, מ. לעוו, ל. וואַ־סערמאַן אאַ.

אמערסטן בוילעט פילט זיך די פּערעץ־טראַדיציע אין מוישע אלט־מאַנס דערציילונגען און ראָמאַנען. אלטמאַן איז נאָענט צו פּערעצן פּריִער פאַר אלץ מיט זײַן דענקערישקײט, אינטעלעקטואַליזם. ווי פּערעץ, האָט ער אויסגעאַרבעט זײַן ראַפינירט אינהאַלטרײַך וואָרט, זײַן שטרענגן סטיל. אין זײַנע ווערק קאָן מען שפּירן ניט בלויז די טראַדיציע פון העברעיִש און יידיש, נאָר אויך פון דער רוסישער ליטעראַטור (בונין) און פון דער מײַרעוו־אייראָפּעיִשער ליטעראַטור, באַזונדערס פון דער פראַנצויזישער.

ווען עס גייט אַ רייד וועגן ליטעראַרישע און קונסט־טראַדיציעס, דאַרף מען אין זינען האָבן פּושקינס טיפע באַמערקונג וועגן דעם, אַז די קונסט איז לויט איר אופוירקונג דויערהאַפטיקער פון אלע אַנדערע פאָרמען פון־נעם געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזײַן, אַזעלכע, לעמאָשל, ווי די וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע, רעליגיע. די רעליגיע, די וויסנשאַפט און די פילאָסאָפיע פון־נעם אלטערטום האָבן אין אונדזער צײַט בלויז אַ היסטאָרישן אינטערעס ווי אַ וויכטיקער שטאַפּל אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהײַט, ווי דאָס וויגעלע פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע.

אָבער די קונסט פון אלטערטום איז ביז איצט ניט פאַרעלטערט. האָ־מערס עפּאָס, אַריסטאָפאַנס קאָמעדיעס, עסכילס, סאָפאָקלס, עווריפּידס טראַגעדיעס, פּינדאַרס און סאַפאָס ליריק, די מיטאָלאָגיע פונעם אלטער־טום, די ביבלישע לעגענדעס און דערציילערישע עפּישע זשאַנרען, „שיר־השירים" און „איִוב", „מעגילעס־עסטער" און „רות", די גנוויזישע פּובלי־ציסטישע און אָראַטאָרישע קונסט — דאָס אלץ לעבט אין דער ליטעראַ־טור, אין טעאַטער, אין דער מוזיק, אין דער מאָלערײַ, אין דער סקולפּטור, אין דער גאַנצער קונסט אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער און יאָרטויזנ־טער.

די יידישע קולטור־ און ליטעראַטור־טראַדיציע ציט אויך אירע אָנ־הייבן פונעם אלטערטום. די ביבלישע ליטעראַטור האָט געווירקט אויף דער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַרישער שאַפונג (העברעיִש און אַראַביש), אויף דער ליטעראַטור פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע (העברעיִש און אָנהייב

ייִדיש), פון דער אופקלערונגס־עפּאָכע (ייִדיש, העברעיִש, דײַטש, רוסיש) און אַף דער ליטעראַטור אין סאָף 19־טן און אין 20־טן יאָרהונדערט (ייִדיש, העברעיִש, רוסיש, ענגליש אאַ.).

עס וואָלט אָבער געווען ניט ריכטיק, ניט וויסנשאַפטלעך צו באַטראַכטן די פּראָבלעם פון יערושע און טראַדיציע אַבסטראַקט, איינזײַטיק. טראַדיציע איז — קולטור־אָנזאַמלונג, קולטור־רײַכקײַט, אָבער ניט אין ריינעם, אויסגעלײַטערטן צושטאַנד, נאָר אין געמיש מיט אָפּגעלעבטן און פאַרעלטערטן, וואָס איז שוין אין דער נײַער עפּאָכע אַ קאָנסערוואַטיווער קויעך. די אַלטע פאַרגאַנגענע טראַדיציע קאָן ווערן אַ געווער אין די הענט פון רעאַקציִאָנערע קױכעס, ווען זיי קעמפן קעגן דער נײַער רעוואָליוציִאָנערער אָרדענונג. די טראַדיציע קאָן אויך דינען פאַר אַ מיטל צו אָפּנאַרן דאָס פאָלק, פאַר אַ מיטל צוצודעקן די אייגענע באַגרענעצטקײַט מיט אײַנגעבירגערטע און פאַרהייליקטע אידייען פון אַמאָל. מיט פאַרשיידענע היסטאָרישע פּאַראַלעלן און טראַדיציעס פון אַלטערטום האָבן די אידעאָלאָגן פון דער בורזשואַזיע צוגעדעקט זייערע אידייען פון פּריוואַט־אייגנטום און סאָציִאַלער אונטערדריקונג. מאַרקס האָט וועגן דעם געשריבן:

„אין די קלאַסיש־שטרענגע לעגענדעס פון דער רוימישער רעפּובליק האָבן די קעמפער פאַר דער בורזשואַזער געזעלשאַפט געפונען אידעאַלן און קינסטלעכע פאָרמעס, איליוזיעס, וועלכע זיי האָבן נייטיק געדאַרפט האָבן, קעדיי צו פאַרשטעלן פאַר זיך זעלבסט דעם בורזשואַז־באַגרענעצטן אינהאַלט פון זייער קאַמף, קעדיי צו האַלטן זייער באַגײַסטערונג אַף דער הייך פון גרויסער היסטאָרישער טראַגעדיע. אַזוי האָבן מיט אַ יאָרהונדערט פריִער, אַף אַן אַנדער אַנטוויקלונג־שטופע, קראָמוועל און דאָס ענגלישע פאָלק זיך באַנוצט צוליב זייער בורזשואַזער רעוואָליוציע מיט דער שפּראַך, מיט די לײַדנשאַפטן און מיט די איליוזיעס, וואָס זיי האָבן אַנטליִען אין טאַנאַך“[1].

די פּראָבלעם פון טראַדיציע און קולטור־יערושע באַקומט אַ באַזונדערע באַדײַטונג און שאַרפקײַט אין דער ליטעראַטור פון איבערגאַנגעפּאָכעס, אין קריטישע איבערבראָך־מאָמענטן, ווען די געזעלשאַפט מאַכט דורך אַ רעוואָליוציִאָנערע איבערקערעניש און לאָזט זיך אַף נײַע וועגן, וועלכע דאַרפן פירן צו אַ נײַ לעבן אַף נײַע סאָציִאַלע יעסוידעס.

---

[1] К. Маркс и Ф. Энгельс об искусстве, т. I, М., 1957, стр. 130—131.

אין אזעלכע רעוואָליוציאָנערע עפּאָכעס ווערט פאַרשאַרפט דער קאַמף ארום טראַדיציע און קולטור־ירושה. דאָס איז באַזונדערס צו זען אין דער געשיכטע פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. די רעאַקציאָנערע קרייזן פון דער ליטעראַטור האָבן אונטערן אויסרייד פון היטן די טראַדיציעס פון דער קלאַסישער קונסט און ליטעראַטור זיך קעגנגעשטעלט דער נייַער שאַפונג, דער בויונג פון דער רעוואָליוציאָנערער סאָוועטישער קולטור פאַרן פאָלק.

אָבער אויך אין די רייען פון דער רעוואָליוציאָנערער ליטעראַטור זייַנען אויפגעקומען קרייזן, וועלכע האָבן ניהיליסטיש אָפּגעלייקנט און אָפּגעוואָרפן יעדן מין טראַדיציע און קולטור־ירושה בכלל. דער „פּראָלעטקולט" („פּראָלעטאַרישע קולטור"), דער „לעף" („ליעווי פראָנט"), די עקסטרעמיסטן פון ראַפּפּ האָבן באַטראַכט די טראַדיציע און די קולטור־ירושה פון דער פאַרגאַנגענהייַט שיר ניט ווי קאָנטררע־וואָליוציע.

וו. אי. לענין האָט אַף אַ רעוואָליוציאָנערן וויסנשאַפטלעכן אופן דער־לייזט די פּראָבלעם פון קולטור־ירושה און קולטור־טראַדיציע. לענין איז געווען איבערצייַגט, אַז די ליטעראַרישע טראַדיציע איז אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פון דער ליטעראַטור, וואָס ווערט געשאַפן אין דער שפּע־טערדיקער עפּאָכע. די ליטעראַטור פון דער נייַער עפּאָכע קאָן זיך ניט באַגיין, זי קאָן ניט געשאַפן ווערן אָן קולטור־טראַדיציע און אָן קולטור־ירושה. איינצייַטיק האָט לענין געוואָרנט, אַז קולטור־ירושה, קולטור פון פאַרגאַנגענע עפּאָכעס, קולטור־טראַדיציעס דאַרפן געיאַרשנט ווערן קריטיש, אין פאַרבינדונג מיט די נייַע אויפגאַבן, וועלכע עס שטעלט פאַר דער ליטעראַטור און דער פאָרגעשריטענער קולטור די נייַע עפּאָכע. פון דער קולטור־ירושה און דער קולטור־טראַדיציע דאַרפן געיאַרשנט ווערן בלויז די פאָרגעשריטענע עלעמענטן, וועלכע קאָנען דינען דער נייַער קולטור. מיט אָט דעם וועג איז געגאַנגען די סאָוועטישע ליטעראַטור. מיט אָט דעם וועג איז געגאַנגען, נאַטירלעך, אויך די ייִדישע סאָוועטישע לי־טעראַטור. עס זייַנען געווען אָפּנייגונגען, פאַרקריפּלונגען, וועלכע זייַנען בכלל אומפאַרמייַדלעך פאַר יעדער ליטעראַטור, וועלכע אַנטוויקלט זיך אין זוכונגען, אין שלאַכטן. אָבער דאָס איז געווען אַ וועג פון גיין פאָרויס, פון שטרעבן צו נייַע דעראָבערונגען און דערגרייכונגען.

אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז די פראגע פון טראַדיציע נאָך שאַרפער. די ייִדישע בורזשואַזע קריטיק אין אויסלאַנד האַלט אין איין פריידיקן אידייען פון רעליגיע, נאַציאָנאַליזם אַלס די עכט ייִדישע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור. די באַגאַבונג פונעם שרײַבער, זײַן שאַפונג אינגאַנצן גענומען ווערט אָפּגעשאַצט פּאָזיטיוו אָדער נעגאַטיוו, אָפּהענגיק דערפון, וויאַזוי עס ווערט אָפּגעשפּיגלט אין זײַנע ווערק די רעליגיעזע טראַדיציע. אַזאַ קריטעריע האָט אָנגעווענדט, לעמאָשל, אין זײַנע אַרבעטן שלוימע ביקל.

אין זײַן אַרטיקל „ר׳ נאַכמען בראַצלאַווער" שרײַבט ער: „עס איז הײַנט־צו־טאָג פאַראַן מער ייִדישע אַכדעס אַרום די כסידישע פערזענלעכקײַטן אין זייער פּאָעטישן היסטאָריש־ראָמאַנטישן ווידערגעבורט, ווי באַ די פראַנצויזן אַרום די געשטאַלטן פון זייער גרויסער רעוואָליוציע — דאַנטאָן, ראָבעספּיער און מיראַבאָ"[1].

צוליב וואָס האָט שלוימע ביקל זיך גענומען אײַנצושמועסן דעם הײַנטצײַטיקן לייענער, וועלכער ווייסט שוין פון לאַנג ניט וועגן כסידעס און כסידישע פערזענלעכקײַטן, אַזעלכע מײַסעס, וואָס האָבן אונטער זיך קיין שום גרונט ניט? צי שוין זשע האָט ער געמיינט בעעמעס, אַז כסידעס פאַרייניקט אין אַ „וווּנדערלעכער אַכדעס" מאַרקסיסטן, לאָמיר זאָגן, מיט ציוניסטן? ווײַזט אויס, אַז זײַן ענגער קלאַסן־אינטערעס האָט אים אונטערגעזאָגט אַזעלכע פּאַראַדאָקסאַלע געדאַנקען.

עס קלינגט מאַמעש ווי אַ פּאַראָדיע, ווי לייצאָנעס שלוימע ביקלס באַשרײַבונג פון די כסידישע פערזענלעכקײַטן:

„פון די שפּעטערע איז ר׳ ייִסראָעל רוזשינער געווען כולו מלכות (קולוי מאַלכוס — אין גאַנצן קיניגלעכקײַט. — ה. ר.), אַ מין „ראָאַ סאָליי" (זונען־קיניג) פון כסידיש־געזעלשאַפטלעכער מאַכט, און ר׳ מענדל דער קאָצקער — אַ טרויעריקער כאָכעם אָפן טראָן פון אַ מיילעך, אַ צעווייטעקטער פילאָסאָף אין דער שפּיץ פון אַ מעלוכע"[2].

ווען איך לייען אַזאַ אַפּאָלאָגיע פון כסידעס און זייערע פירער — „אָפן טראָן פון אַ מיילעך", דערמאָנט זיך מיר די שאַפונג פון די ייִדישע און העברעיִשע שרײַבער אין 19־טן יאָרהונדערט: יויסעף פערל, ייִסראָעל אַק־

---

[1] שלוימע ביקל. שרײַבער פון מײַן דאָר. צווייטער באַנד, ז. 9.
[2] דאָרטן, ז. 10.

סענפעלד, יִצחאָק ערטער, יִצחאָק־יויעל לינעצקי, פּערעץ סמאָלענסקי, מאָרדכע־דאָוויד בראַנדשטעטער, יעהודע־לייב גאָרדאָן און נאָך פיל אַנדערע. זיי האָבן געשריבן וועגן כסידעס און וועגן כסידישע ראַבייִישע הויפן, וועגן די כסידישע פערזענלעכקייטן, ווי וועגן דער פאַרקערפּערונג פון אומווירדיקייטן, פון שיקרעס און זנוס, כּאַבאַר און אָפּנאַרערײַ, אונטערדריקונג און זשוליקערײַ. ווּעמען זשע דאַרף מען גלייבן — די יִדישע פאָרגעשריטענע מאַסקילים פונעם 19־טן יאָרהונדערט, וועלכע האָבן מיט זייערע אויגן געזען דאָס כסידעס און האָבן עס באַשריבן אין קעמפערישע קינסטלערישע ווערק, צי שלוימע ביקלען, וועלכער האָט געפּרוּווט אָף אַ דאָגמאַטישן אופן מאָלן די כסידישע פינצטערלינגען, ווי דענקער און רעוואָליוציאָנערן? אַזאַ „טראַדיציע״ איז קעגן די אינטערעסן פון דער יִדישער ליטעראַטור, פון דער יִדישער קולטור.

דאָס הייסט ניט, אַז די ליטעראַטור דאַרף ניט מאָלן די פאַרגאַנגענהייט, אַז דער שרײַבער, מאָלנדיק די ווײַטע אָדער נאָענטע פאַרגאַנגענהייט, מוז אומבאַדינגט שילדערן בלויז דאָס נעגאַטיווע, לאָמיר זאָגן אַפילע אין כסידעס. אָט האָט דער ניסטער געשאַפן אַ מאָנומענטאַל ווערק, און דאַפקע וועגן כסידעס — „די מישפּאָכע מאַשבער״. ווי אַן עמעס גרויסער קינסטלער, האָט ער היסטאָריש וואָרהאַפטיק אופגעשטעלט דאָס בילד פון דער כסידישער באַוועגונג. ניט אַפּאָלאָגעטיש און ניט ניהיליסטיש. דער ניסטער האָט געשילדערט ברייטע בילדער פונעם פאָלקס־לעבן, און בעסויכעם אויך דאָס נעגאַטיווע און דאָס פּאָזיטיווע אינעם כאַסידיזם. דערפאַר טאַקע איז שלוימע ביקל געבליבן אומצופרידן מיט ניסטערס ראָמאַן; דער קריטיקער באַהויפּטעט, אַז דער ניסטער האָט זיך „אונטערגעגעבן דער פּאַרטיי־ליניע״.

אין „סאָוועטיש היימלאַנד״ האָט פאַרעפנטלעכט דער שרײַבער נאַטאַן זאַבאַרע זײַן ראָמאַן „ס׳איז נאָך גרויס דער טאָג״. דער היסטאָריקער הײַלעל אַלעקסאַנדראָוו האָט הויך אָפּגעשאַצט דעם ראָמאַן, וועלכער האָט שוין אַרויסגערופן אָפּקלאַנגען פון לייענער און שרײַבער בײַ אונדז און אין אויסלאַנד.

נאַטאַן זאַבאַרע איז מיט זײַנע ראָמאַנען און דערציילונגען באַוווסט געוואָרן אַלס שעפער, וועלכער שטרעבט צו קינסטלערישע זוכונגען, צו עקספּערימענטירן און אַנטדעקן נײַס. דאָס איז די שטענדיקע אופגאַבע

פון יעדן קינסטלער. איך מיין, אַז אויך מיטן נײַעם ראָמאַן האָט ער אַנטדעקט אַזוינס, וואָס וועט באַרײַכערן די ליטעראַטור.

ליטעראַריש־קינסטלערישע טראַדיציעס איז ניט איינס און דאָס זעלבע, וואָס ליטעראַריש־קינסטלערישע ווירקונגען. ליטעראַרישע טראַדיציעס זײַנען לויטן פאַרנעם ברייטער, ווי ליטעראַרישע ווירקונגען. ליטעראַרישע ווירקונגען האָבן אַ שײַכעס הויפּטזאַכלעך צו פאָרם, בייס ליטעראַרישע טראַדיציע כאַפּט אַרום דעם גאַנצן טאָך, דעם סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן אינהאַלט פון דער ליטעראַטור אינגאַנצן, סײַ אין דער פאָרם, סײַ אינעם אינהאַלט. די ליטעראַרישע ווירקונגען זײַנען מער באַגרענעצט אין צײַט, זיי זײַנען דויערהאַפטיק מערסטנטייל אין פאַרלויף פון איין עפּאָכע, בייס די ליטעראַרישע טראַדיציעס זײַנען גילטיק און ווירקנדיק אין פאַרלויף פון פיל עפּאָכעס אין מעשעך פון יאָרהונדערטער און אפילו פון יאָרטויזנטער. ליטעראַרישע ווירקונגען זײַנען דירעקטע, מערסטנטייל פאַרשפּרייטן זיי זיך פון איין דאָר צום צווייטן, פון איין שרײַבער צום צווייטן, אפילו אין די גרענעצן פון איין דאָר. מע קאָן ריידן וועגן פושקינס ווירקונג אויף דער רוסישער ליטעראַטור פונעם 19־טן יאָרהונדערט, נאָר וועגן זײַן ווירקונג אויף דער ליטעראַטור פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט קאָן מען שוין ריידן בלויז באַדינגלעך. עס לעבן און ווירקן אָבער ביז איצט פושקינס שעפערישע טראַדיציעס.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, יעדע ליטעראַטור האָט אירע באַזונדערקײַטן אין דער אַנטוויקלונג פון דער טראַדיציע. די ייִדישע קולטור און ליטעראַטור, אויב רעכענען אויך די ליטעראַטור פונעם אַלטערטום אויף העברעיִש און אויף אַנדערע שפּראַכן, האָט אַ טראַדיציע פון יאָרטויזנטער. אויב אָבער נעמען די טראַדיציע אין ייִדיש, הייבט זי זיך אָן ערשט אין סאָף 18־טן — אָנהייב 19־טן יאָרהונדערט; און אויב רעכענען די קלאַסישע טראַדיציע, הייבט זי זיך אָן פון מענדעלען, פון דער צווייטער העלפט פונעם 19־טן יאָרהונדערט, דערבײַ קאָן מען שוין איצט באַטראַכטן מענדעלעס שאַפן מער אַלס טראַדיציע, איידער אַלס דירעקטע ווירקונג אויף דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור.

בענעגייע דער ייִדישער ליטעראַטור דאַרף מען אין זינען האָבן אויך אַזאַ מין אייגנשאַפט, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר איר אַנטוויקלונג און פאַר די פּראָבלעמען פון טראַדיציע און ליטעראַרישע ווירקונגען. אין 19־טן און אין אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט האָט זי זיך אַנטוויקלט הויפּט־

זאכלעך אלס אַ ליטעראַטור פון פּראָזע, וויינ־יקער איז געווען אַנטוויקלט די דראַמע, און נאָך ווייניקער די דיכטונג, צום אונטערשייד פון דער העברעיִשער ליטעראַטור, וועלכע האָט געהאַט אַ שטאַרקע דיכטונג, אַ שוואַכע פּראָזע און אַ גאָר שוואַכע דראַמע. אין די זשאַנרען פון פּראָזע האָט די הײַנטצײַטיקע ייִדישע ליטעראַטור ניט בלויז אַ רײַכע קלאַסישע טראַדיציע, נאָר עס פילט זיך איצט נאָך גאַנץ בולעט די דירעקטע ווירקונג פון שאָלעם־אַליכעמען, פּערעצן, בערגעלסאָנען, אַשן, רייזענען, דעם ניסטער. אָבער אין דער דיכטונג איז די טראַדיציע אַ ביז גאָר שוואַכע. קיין קלאַסישע דיכטונג איז אױף ייִדיש ביז דעם צווייטן צענדליק פונעם 20־טן יאָרהונדערט ניט געשאַפן געוואָרן, האגאם די קלאַסיקער מענדעלע, שאָלעם־אַלײכעם און פּערעץ האָבן געשריבן לידער. די אופקלערערישע דיכטונג איז איצט לויט איר פאָרם אַזוי פאַרעלטערט, אַז וועגן לערנען זיך בײַ איר קאָן קיין רייד ניט זײַן. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן אויך וועגן דער פאָלקסטימלעכער דיכטונג פון מיכל גאָרדאָן, אַווראָם גאָלדפאַדען, עליאָקום צונזער; די רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער־דיכטער מאָריס ווינטשעווסקי, דאָוויד עדעלשטאַט, יוסף באָווּשאָווער, מאָריס ראָזענפעלד האָבן אוודאי געשאַפן אַ טראַדיציע, וואָס איז געווען וויכטיק מיט איר רעוואָליוציאָנערן אינהאַלט און מיט דער נאָוואַטאָרישער פאָרם, אָבער קיין קלאַסישע דיכטערישע טראַדיציע האָבן זיי אויך ניט געשאַפן.

די קלאַסישע טראַדיציע פון דער ייִדישער דיכטונג איז געשאַפן געוואָרן ניט אין 19־טן יאָרהונדערט, נאָר אין די ערשטע דרײַ צענדליק יאָר פונעם 20־טן יאָרהונדערט, אין די צוויי גרעסטע צענטערס פון דער ייִדישער ליטעראַטור — רוסלאַנד און אַמעריקע. מיט אַן אומגעהײערער קראַפט האָבן זיך געלאָזט הערן די מעכטיקע שטימען פון אָשער שוואַרצמאַן, דאָוויד האָפשטיין, לייב קוויטקאָ, פּערעץ מאַרקיש, שמואל האַלקין, עזראַ פינינבערג, איזי כאַריק, איציק פעפער אין ראַטנפאַרבאַנד און פון ה. לייוויק, מוישע־לייב האַלפּערן, מאַני־לייב אין אַמעריקע. די דאָזיקע דיכטער זײַנען געווען אין איינער און דער זעלבער צײַט קלאַסיקער, שעפער פון טראַדיציע און עכטע נאָוואַטאָרס.

נאָוואַטאָרישקײַט איז עפּעס דער ערשטער סימען פון קלאַסישער שאַפונג. דאָס באַטײַט ניט, אַז דער נאָוואַטאָר מוז אָפּלייקענען די שאַפונג פון די פריִערדיקע קלאַסיקער. די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ווייסט פון בײַשפּילן, ווען דיכטער האָבן מיט טומל און דראַנג דערקלערט, אַז זיי

אנערקענען ניט די פֿאַבריקע שאַפונג, די פֿאַבריקע שעפער, אַז בלויז זיי זײַנען די שעפער פון דער הײַנטצײַטיקער און פון דער קומענדיקער דיכטונג.

די רוסישע קובאָפוטוריסטן האָבן אין זייער מאַניפעסט „אַ פּאַטש אין פּאָנעם דעם געזעלשאַפטלעכן געשמאַק“ גערופן „אַראָפּוואַרפן פּושקינען, דאָסטאָיעווסקין, טאָלסטאָיען און אַנד. פון דער שיף פון דער הײַנטצײַטיקײַט“[1].

הײַנט ווייסן מיר שוין, אַז פונעם דאָזיקן „נאָוואַטאָרישן“ טראַסק, פונקט ווי פון דער פוטוריסטישער „געלער קאָפטע“, האָט זיך גאָרניט באַקומען אין דער רוסישער דיכטונג. מאַיאַקאָווסקי האָט זיך גיך באַפרײַט פון די קובאָפוטוריסטישע ווירקונגען און איז געוואָרן דער אָנגעזעענסטער דיכטער פון דער רעוואָליוציע. די איבעריקע פוטוריסטן זײַנען נאָך באַם לעבן פאַרגעסן געוואָרן. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן אויך וועגן די רוסישע עגאָפוטוריסטן, וועלכע האָבן ניט אַרויסגערוקט קיין איין באַדײַטנדיקן דיכטער, אויסער איגאָר סעווועריאַנינען. פון דער גרופּע אימאַזשיניסטן איז בלויז סערגיי יעסענין פאַרבליבן אַלס גרויסער דיכטער. ווער ווייסט איצט וועגן אַזעלכע, ווי שערשעניעוויטש און מאַריענהאָף?

אויך אין דער ייִדישער ליטעראַטור זײַנען געווען שאַרפע אַרויסטרעטונגען קעגן טראַדיציעס און קעגן דער ליטעראַטור פון דער פאַרגאַנגענהײַט, פאַרשטייט זיך, אין נאָמען פון נאָוואַטאָרישקײַט, אין נאָמען פון נײַער קונסט און אַפילע פון קומענדיקער קונסט. איך האָב אין זינען די ליטעראַרישע דעקלאַראַציעס פון די „יונגע“ אין אַמעריקע. זיי האָבן פּראָקלאַמירט דעם קולט פון וואָרט. דאָס וואָרט האָט געזאָלט פאַרבײַטן אַלץ און ווערן אַ זעלבסטציל. דאָס וואָרט איז מיסטיפיצירט געוואָרן.

איך וויל ניט פאַרגלײַכן די „יונגע“ מיט די קובאָ־ און עגאָפוטוריסטן. די רוסישע פוטוריסטן האָבן ניט געגעבן דער ליטעראַטור קיין איין באַדײַטנדיקן דיכטער. אָבער דאָס איז נאָך ווייניק. זיי האָבן געהאַט פאַר זיך, ביז זייערע מאַניפעסטן, אַ רײַכע טראַדיציע פון גענ:אַלער דיכטונג אין 19־טן און אַפילע שוין אין 20־טן יאָרהונדערט. דעריבער איז אין זייערע דעקלאַראַציעס אויסער פוסטער כוצפּעדיקער אַמביציע גאָרנישט ניט געווען. די אַמעריקאַנער „יונגע“, פאַרקערט, האָבן אַרויסגערוקט

[1] Сб. «Пощечина общественному вкусу», 1912, стр. 455.

אזעלכע גרויסע דיכטער, ווי לייוויק און מוישע־לייב האלפּערן. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. די ייִדישע דיכטונג האָט אין 19־טן יאָרהונדערט און אפילו אין ערשטן צענדליק פונעם 20־טן יאָרהונדערט געהאט אַ שוואכע טראַדיציע. דעריבער איז אין מאַניפעסט פון די „יונגע” געווען אַ באַשטימטער עמעס.

די ערשטע ייִדישע סאָוועטישע דיכטער און די אמעריקאַנער דיכטער פון די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן האָבן, פאַרשטייט זיך, געווירקט אויף די ווײַטערדיקע גענעראַציעס פון דער ייִדישער דיכטונג. די מערהײַט ייִדישע סאָוועטישע דיכטער פון דעם צווייטן און דריטן דאָר, ביז אונדזער צײַט, זײַנען אין דער אָדער יענער מאָס געווען אונטער דער דירעקטער ווירקונג פון שווארצמאַנען, האָפשטיינען, קוויטקאָן, מאַרקישן, קושנירן, האַלקינען, פיינבערגן, פעפערן, כאַריקן. די מער באַדײַטנדיקע הײַנטצײַטיקע דיכטער — אַרן ווערגעליס, אוראַם גאָנטאַר, מוישע טייף, מאָטל גרוביאַן, שיקע דריז — זײַנען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער טראַדיציע פונעם ערשטן דאָר ייִדישע דיכטער אין ראַטנפאַרבאַנד און אין אויסלאַנד. אָבער די וויכטיקסטע פּראָבלעם פון זייער שאַפן איז שוין איצט ניט טראַדיציע און ווירקונג, נאָר דעריקער — נאָוואַטאָרישקײַט; דאָס זײַנען דיכטערישע פערזענלעכקײַטן, וועלכע זוכן און געפינען, פאַרשן און אַנטפּלעקן; זיי לערנען זיך און זײַנען אָבער אומעטום און אין אַלץ זעלבשטענדיק, נײַ, אַנדערשדיקן; זיי גייען פאָרויס מיט אייגענע וועגן.

אין דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור האָבן זיך איבערגעקרייצט אין איין פּונקט די פּראָבלעמען פון טראַדיציע, ווירקונג און נאָוואַטאָרישקײַט. די שרײַבער־אָנהייבער, די מערהײַט פון וועלכע עס זײַנען טראַגיש אומגעקומען, פאַרבלײַבן אין דער געשיכטע פון אונדזער ליטעראַטור אַלס גרויסע שעפער. בײַ זיי לערנען זיך די הײַנטצײַטיקע ליטעראַטור־שעפער. אָבער דער איצטיקער דאָר שרײַבער האָט זיך שוין דערהויבן צו אַזאַ שטופע פון מײַסטערשאַפט, וואָס איז ניט נידעריקער פון דער מײַסטערשאַפט פונעם ערשטן סאָוועטישן ליטעראַרישן דאָר. מאָטל האַרצמאַן איז מיסטאַם געווען באַווירקט פון פיינבערגן. אָבער אין אַ רײַ לידער איז ער לויט דער קינסטלערישער קראַפט ניט שוואַכער פון פיינבערגן; אַליעווסקי איז לויטן אינהאַלט און לויטן סטיל פון זײַן דיכטונג געווען נאָענט צו האָפשטיינען, אָבער ער איז שטענדיק געווען אומאָפּהענגיק און אָריגינעל. ווערגעליס איז מיט עפּעס קרוּוויש צו

שוואַרצמאַנען, אָבער אײנצײַטיק — ווײַט און אַנדערש, נײַ און אַנטדעקעריש, זוכעריש און אָנהײבעריש אין זײַן ליריק און אין זײַן עפּאָס, אין דער פּובליציסטישער ליד און אין דער אינטימער לירישער מיניאַטיור. און מוישע טײַף? ער איז שטענדיק נאָוואַטאָריש און פאַרבונדן מיט טראַדיציע אַזש ביז דער איבערדיכטונג פון „שיר־השירים“. מאָטל גראָביאַן איז מאָמענטנוויז, אין זין פון פּאָעטישער קולטור, פון ריטמיק און מעלאָדיק, אין זין פון פּאָעטישן לאָשן אַמאָל אַ קוואַדפּע, אָבער ער איז שטענדיק אָריגינעל, אײַנפּאַלעריש און לײַדנשאַפטלעך־טראַגיש. גאָנטאַר איז באַווירקט פון האַלקינען, אָבער גאָנטאַרס פּאָעטישע קולטור האָט שוין דערגרײכט אַזאַ הויכע שטופּע, וואָס נעמט אַראָפּ די פראַגע וועגן ווירקונג.

די מער אָנגעזעענע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער זעצן פאָר די רומפולע טראַדיציעס פון די פריִערדיקע גרויסע שעפער און גײען ווײַטער.

אין דער זעלבער צײַט איז די הײַנטצײַטיקע ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער רוסישער קולטור און ליטעראַטור, מיט דער קולטור און ליטעראַטור פון די פעלקער פונעם ראַטנפאַרבאַנד. דער עלטערער דאָר ייִדישע שרײַבער, די ייִדישע שרײַבער ביז דער רעוואָליוציע זײַנען געווען באַקאַנט מיט דער פאָרגעשריטענער קלאַסישער רוסישער ליטעראַטור. עס האָט עקזיסטירט אַ ייִדישע ליטעראַטור אויף רוסיש. אָבער דאָס אַלץ קאָן ניט פאַרגלײַכט ווערן מיט דער אָרגאַנישער אײנהײַטלעכקײַט פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור מיט דער גאַנצער סאָוועטישער קולטור און ליטעראַטור. די רוסישע שפּראַך איז איצט די צווײטע מוטער־שפּראַך פון אַלע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. אַ ייִדישער שרײַבער אין ראַטנפאַרבאַנד איז אַ גלײַכבאַרעכטיקטער מיטגליד פונעם אַלסאָוועטישן שרײַבער־פאַרבאַנד. רוסיש איז פאַרן ייִדישן שרײַבער די גײַסטיקע לופט, מיט וועלכער ער אָטעמט „פון געבוירן ביז פאַרלוירן“. דורך רוסיש באַהעפט ער זיך צו דער אַלוועלטלעכער, צו דער אינטערנאַציאָנאַלער קולטור.

ביז דער רעוואָליוציע האָבן בלויז די גרעסטע ייִדישע שרײַבער זויכע געווען צו זען זײערע ווערק אויף רוסיש. פון די קלאַסיקער זײַנען נאָר שאָלעם־אַלײכעם און שאָלעם אַש געווען פּאָפּולער און באַוווּסט אין דער רוסישער ליטעראַטור. אַפילו מענדעלע מוכער־ספאָרים, י.־ל. פּערעץ, אַווראָם רייזען, דאָוויד בערגעלסאָן זײַנען אויף רוסיש ניט געווען באַוווּסט.

אָבער איצט איז שוין מיסטאמע ניטאָ קיין איין ייִדישער סאָוועטישער שרײַבער, וועלכער זאָל ניט האָבן קיין בוך און אפילע עטלעכע ביכער אף רוסיש. און ניט בלויז אף רוסיש, נאָר אויך אף אוקראיִניש, ווײַסרוסיש און אף אנדערע שפּראכן פון די פעלקער פונעם ראטנפארבאנד. איצט זײַנען די טראדיציעס, די ווירקונגען און די נאָוואטאָרישקײַט אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור פארבונדן מיט דער פּראָבלעם פון נאציאָנאלן און אינטערנאציאָנאלן אין דער גאנצער סאָוועטישער ליטעראטור, מיט די נײַע פּראָצעסן אין דער בויונג פון דער סאָוועטישער קולטור און ליטעראטור אינגאנצן גענומען.

2. דאָס נאציאָנאלע און אינטערנאציאָנאלע אין דער ליטעראטור

אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָבן די דײַטשישע נאצי־מערדער פארניכטעט זעקס מיליאָן ייִדן, ביזן גרונט כאָרעוו געמאכט די דורעסדיקע ייִדישע יִשוּווים און די נעסטן פון ייִדישער קולטור אין אלע לענדער פון מײַרעוו־אייראָפּע. אין פּוילן און אין די סאָוועטישע רעפּובליקן (אוקראיִנע, ווײַסרוסלאנד, מאָלדאוויע, ליטע, לעטלאנד, עסטלאנד און אין א טייל געגנטן פון רוסלאנד) האָט די קולטור אף ייִדיש באקומען אזא שטארקן קלאפּ, פון וועלכן זי קאָן ביז איצט ניט קומען צו זיך. עס איז ניט בלויז אומגעקומען א גרויסער טייל פון דער ייִדישער באפעלקערונג, א היפּשע צאָל שעפער, אלע קולטור־אנשטאלטן און אינסטיטוציעס. אפילע די באפעלקערונג, וואָס איז ניט אומגעבראכט געוואָרן,

האָט זיך אופגעהויבן פון די איינגעזעסענע ערטער, זיך געלאָזט אין נייע קאנטן און זיך צעשפרייט איבער אלע ראַיאָנען פונעם גרויסן לאנד: סי־ביר, אוראל, אלטיי, מיטל־אזיע, ווייטער מיזרעך, קאווקאז. אין אזעלכע באדינגונגען האָט די יידישע באפעלקערונג אָנגעווירן די קאָמפאַקטקייט, דער פראָצעס פון אסימיליאציע, באזונדערס פון שפראך־אסימיליאציע, האָט זיך פארגיכערט. עס איז דעריבער שווערער געוואָרן דאָס ווידערופשטעלן די מאסשטאבן און דעם פארנעם פון דער יידישער קולטור ביז דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע, ווען אפילע עס זאָלן אָנגענומען ווערן אלע מיטלען דערצו.

אויך אין די לענדער, וועלכע האָבן ניט געליטן פונעם נאציזם, לע־מאָשל אין די פאריייניקטע שטאטן פון אמעריקע און אין אנדערע לענ־דער, זיינען די מעגלעכקייטן פאר דער קולטור־שאפונג אף יידיש באַ־דייטנדיק פארשמעלערט געוואָרן. די טיראזשן פון די יידישע צייטונגען, זשורנאלן, ביכער ווערן פארקלענערט וואָס ווייטער אלץ מערער. די שפראך־אסימיליאציע אנטוויקלט זיך מיט גיכע טעמפּן.

די קינסטלערישע ליטעראטור איז, אזוי צו זאָגן, דער סאמע נאציאָ־נאלער קונסט־געביט. עס וואָלט אָבער געווען ניט ריכטיק צו מאכן דערפון דעם אויספיר, אז די קינסטלערישע ליטעראטור איז בלויז נאציאָנאל, אז זי קאָן זיך אנטוויקלען אין איזאָלירטע, הערמעטיש אָפּגעשלאָסענע נאציאָ־נאלע ראמען און גרענעצן, ניט האָבנדיק קיין פארבינדונגען און שייכעסן מיט ליטעראטורן אף אנדערע נאציאָנאלע שפראכן. אפילע די סאמע וויי־טע ליטעראטורן פון גראָוון אוראלט פארקערפערן ניט בלויז דאָס נאציאָ־נאלע, נאָר אויך דאָס אינטערנאציאָנאלע אין לעבן פון די פעלקער. די היסטאָרישע און סאָציאלע געזעצמעסיקייטן געפינען שטענדיק אן אָפּ־שפיגלונג אין יעדער נאציאָנאלער ליטעראטור. די ליטעראטור שפיגלט אָפּ דאָס סאָציאלע לעבן פון די פעלקער אין פארשיידענע היסטאָרישע עפּאָכעס, אין פארשיידענע געזעלשאפטלעכע עקאָנאָמישע פאָרמאציעס. די מארקסיסטישע ליטעראטור־קענטעניש אנערקענט, אז די קלאסישע קונסט פונעם אלטערטום האָבן געשאפן א גאנצע גרופּע פעלקער, און ניט קיין איין פאָלק. דער באוווסטער סאָוועטישער מיזרעך־פאָרשער, אקאדע־מיקער נ. אי. קאָנראד שרייבט:

„אזעלכע פעלקער ווייסן מיר אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט ניט מער ווי פינף: די עלינער, די לאטיינער, די איראנער, די אינדיאנער,

די כינעזער. צוזאַמען מיט די ייִדן פֿונעם אַלטערטום האָבן זיי געשאַפֿן דאָס, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר די אַלוועלטלעכע „קלאַסישע" ירושה"[1].

ניט געקוקט דערויף, וואָס אין די אוראַלטע צײַטן און אין מיטלאַלטער איז די פֿאַרבינדונג צווישן פֿעלקער און לענדער געווען גאָר אַ שוואַכע, און די קולטור־פֿאַרבינדונגען, די געמיינזאַמע שעפֿערישע צוזאַמענהאַנגען צווישן פֿעלקער נאָך שוואַכער, זײַנען אָבער אויך דעמאָלט אויפֿגעקומען און האָבן זיך אַנטוויקלט אַלמענטשלעכע אינטערנאַציאָנאַלע מאָטיוון, וועלכע האָבן זיך אָנטפּלעקט אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור.

מיט גאָר גיכע טעמפּן האָט זיך דער אינטערנאַציאָנאַליסטישער אינהאַלט אין די ליטעראַטורן פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער פֿאַרשפּרייט דאַן, ווען עס האָט זיך שנעל אַנטוויקלט די טעכניק, די עקאָנאָמיק און די פֿאַרבינדונגס־מיטלען, — אין דער עפּאָכע פֿון קאַפּיטאַליזם. דאָס האָבן נאָך אין אָנהייב פֿונעם 19־טן יאָרהונדערט באַמערקט די מער ווײַטזיכטיקע פֿאָרשטייער פֿון דער ליטעראַטור. אין 1827 האָט געטע דערקלערט:

„איצט טרעטן מיר אַרײַן אין דער עפּאָכע פֿון דער וועלט־ליטעראַטור, און יעדערער דאַרף מיטווירקן, אַז עס זאָל פֿאַרגיכערט ווערן דאָס אָנקומען פֿון אָט דער עפּאָכע"[2].

מאַרקס און ענגעלס האָבן אין „קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט" געשריבן: „אַפֿן אָרט פֿון דער אַלטער אָרטיקער און נאַציאָנאַלער אָפּגעגרענעצטקייט איז געקומען אַן אַלזײַטיקע פֿאַרבינדונג און אַן אַלזײַטיקע אָפּהענגיקייט פֿון נאַציעס איינע פֿון דער צווייטער. דאָס באַציט זיך אין אַ גלײַכער מאָס סײַ צו מאַטעריעלער, סײַ צו גײַסטיקער שאַפֿונג. די פּרוכט פֿון גײַסטיקער טעטיקייט פֿון באַזונדערע נאַציעס ווערט דאָס אייגנס פֿון אַלעמען. נאַציאָנאַלע איינזײַטיקייט און באַגרענעצטקייט ווערן וואָס ווײַטער אַלץ מער אוממעגלעך, און פֿון פֿיל נאַציאָנאַלע און אָרטיקע ליטעראַטורן ווערט איין אַלוועלטלעכע ליטעראַטור"[3].

די ייִדישע ליטעראַטור אויף העברעיִש און אויף ייִדיש איז אויך פֿאַרבונדן מיטן פּראָצעס פֿון אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענהאַנגען אין דער וועלט־ליטעראַטור. די העברעיִשע ליטעראַטור אין אַלטערטום איז, ווי עס

---

[1] Н. И. Конрад. Запад и Восток. М., 1972, стр. 421.

[2] י. פּ. עקערמאַן. שמועסן מיט געטען, מ., 1934, ז. 348.

[3] К. Маркс и Ф. Энгельс об искусстве, т. I, М., 1957, стр. 183—184.

וויַיזט אָן ב. אי. קאָנראַד, איינע פון די ליטעראַטורן, וועלכע האָבן גע־שאַפן דעם קלאַסישן סטיל. אין מיטלאַלטער איז די העברעיִשע ליטעראַ־טור געווען ענג פאַרבונדן מיט דער אַראַבישער און האָט אין שפּעטן מיטל־אַלטער און אין פריִען רענעסאַנס דורכגעמאַכט אַ קלאַסאַלן אופשטייַג, באַזונדערס אין דער דיכטונג, וועלכע האָט אויסגעדריקט אינטערנאַציאָ־נאַלע אַלמענטשלעכע מאָטיוון (פילאָסאָפישע ליריק, ליבע־ליריק, פייזאַזש־ליריק).

וואָס איז שייַך דער ליטעראַטור אויף יידיש, איז איר אנטשטייונג פאַרבונדן מיט דער עפּאָכע פון רענעסאַנס אין דער אייראָפּעיִשער ליטע־ראַטור, איר אנטוויקלונג — מיט דער עפּאָכע פון אופקלערונג אין מיַרעוו־אייראָפּע און באַזונדערס אין רוסלאַנד, איר אופבלי — מיט די אידייען פון רעוואָליוציע און סאָציאַליזם אין רוסלאַנד, אַמעריקע און מיַרעוו־אייראָפּע. סיי בײַ די גרונטלייגער און קלאַסיקער — מענדעלע, שאָלעם־אַליכעם, פּערעץ — אין דער פּראָזע, סיי אין דער פּראָלעטאַרישער דיכ־טונג פון ווינטשעווסקין, עדעלשטאַטן, באָווזשאָווערן, ראָזענפעלדן, רייזע־נען אין דער דיכטונג, האָט אין דער יידישער ליטעראַטור דאָס אינטער־נאַציאָנאַלע, דאָס אַלמענטשלעכע פּרעוואַלירט איבער דעם נאַציאָנאַלן, „ריין־יידישלעכן”; ווער קאָן אָפּלייקענען, אַז אין מענדעלעס „דאָס קליינע מענטשעלע”, „מאַסאָעס”, „פישקע דער קרומער”, „דאָס ווינטשפינגערל”, אפילע אין דער „קליאַטשע” און „שלוימע רעב כאַימס”, זײַנען קינסטלע־ריש פאַרקערפּערט אַלמענטשלעכע אינטערנאַציאָנאַלע מאָטיוון פון סאָ־ציאַלע ווידערשפּרוכן און סאָציאַלן קאַמף, אידייען פון הומאַניזם, דעמאָ־קראַטיזם? די דאָזיקע ווערק זײַנען פאַרבונדן מיט די וויכטיקסטע דער־גרייכונגען פון דער אייראָפּעיִשער און רוסישער ליטעראַטור, פונעם קרי־טישן רעאַליזם אין 19־טן יאָרהונדערט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, מענדע־לעס ווערק זײַנען נאַציאָנאַל־יידיש לויט דער פאָרם און לויטן אינהאַלט און דערפאַר זײַנען זיי דערשיַינונגען פון אינטערנאַציאָנאַלער קולטור.

דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן שאָלעם־אַליכעמען. זײַנע טיפּן און געשטאַלטן — טעוויע, מענאַכעם־מענדל, מאָטל, סטעמפּעניו, שימעלע סאָ־ראָקער, שימען־עלי שמאַ קוילײַנו („דער פאַרקישעפטער שניַידער”) — זײַנען, פאַרשטייט זיך, גענ׳אַלע קינסטלערישע פאַרקערפּערונגען פונעם יידישן כאַראַקטער, פון דער יידישער פּסיכאָלאָגיע, פון דעם יידישן שטיי־גער. זיי זײַנען נאַציאָנאַל אין בעסטן זין פונעם דאָזיקן באַגריף. און אין

דער זעלבער צײַט זײַנען זיי פולשטענדיק אינטערנאַציאָנאַל, אַלמענטש־לעך, דורכויס פּאַלקסטימלעך, סאָציאַל פאַרשאַרפט. דעריבער האָבן זיי אויך אין אונדזער צײַט ניט אָנגעווירן זייער קינסטלערישע אופוירקונגס־קראַפט.

אויך אין פּערעצעס שאַפן איז דאָס איקערדיקע — דאָס אינטערנאַציאָ־נאַלע, דאָס אַלמענטשלעכע, דאָס הומאַנישע, דעמאָקראַטישע און סאָציאַלע. אפילו „כסידיש" און די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", וועלכע זײַנען אין דער קריטיק ניט איין מאָל באַטראַכט געוואָרן אַלס אויסדרוק פון ענג נאַ־ציאָנאַלן, אפילו נאַציאָנאַליסטישן געפיל, זײַנען אויך סאָציאַל לויטן טאָך, האַגאַם זיי זײַנען אַדאַנק פּערעצעס ראָמאַנטיזם אָפּגערוקט געוואָרן אין דער פאַרגאַנגענהײַט און אָפּערירן מיט כסידישן מאַטעריאַל, וועלכער קאָן שוין איצט ניט אופרעגן דעם הײַנטצײַטיקן לייענער.

נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע איז די פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן ניט אַראָפּגענומען געוואָרן. ביז הײַנטיקן טאָג איז עס אַ וויכטיקע פּראָבלעם פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט.

די ייִדישע ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד, פּונקט ווי די גאַנצע סאָ־וועטישע ליטעראַטור, ווי אַלע אירע נאַציאָנאַלע אָטריאַדן, איז דורכגע־דרונגען מיט אידייען פון אינטערנאַציאָנאַליזם. נאָך דער רעוואָליוציע איז דאָס אינטערנאַציאָנאַלע געוואָרן אַ צענטראַלער אידייִשער און פילאָסאָ־פישער מאָטיוו פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור האָט פונעם סאַמע אָנהייב אָן פאַר־קערפּערט אין דער פולער מאָס דאָס נאַציאָנאַלע און דאָס אינטערנאַציאָ־נאַלע. עס איז גענוג צו דערמאָנען אָשער שוואַרצמאַנס שאַפונג, אין וועל־כער ס'איז אף אַ בולעטן אופן אָפּגעשפּיגלט געוואָרן די גרויסקײַט פון דער רעוואָליוציע, איר אַלמענטשלעכער כאַראַקטער. אין שוואַרצמאַנס ליריק האָבן די פּראָבלעמען פון נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן געפו־נען אַ ביז גאָר אָריגינעלן אויסדרוק. דאָס אינדיווידועל־סוביעקטיווע און דאָס נאַציאָנאַלע איז אף אַן אָרגאַנישן אופן און לאַכלוטן נײַ אופגעפאַסט און פאַרקערפּערט געוואָרן מיטן אַלמענטשלעכן —

איך לאָז זיך שטיל אַראָפּ צום שטאַם פון מײַנע ליידן
און ווייס ניט, צי איז מײַן לייד אף וואָגשאָלן פון וועלטן...

שוואַרצמאַן, דער צאַרטער ליריקער, וואָס האָט אויסגעמיטן אין זײַן דיכטונג קוילעס אוויראָקים (דונערן און בליצן), האָט דאָך געפונען דאָס

פאסיקע וואָרט און דאָס נייטיקע בילד, קעדיי צו וויַיזן די איינהייַט פאַר־נעם אינדיווידועלן און אלמענטשלעכן („מייַן לייד", „אף וואַגשאַלן פון וועלטן"). דעריבער קלינגען אזוי נאטירלעך, אזוי עכט מענטשלעך, נאַציאָנאל און אינטערנאציאָנאל זייַנע לעצטע, שוין אויסגעשפּראָכן רעוואָ־ליוציאָנערע לידער „אופשטאנד" און „דער סוינע בא די טויערן".

נאָך אָשער שוואַרצמאַנס ווערק זייַנען לייב קוויטקאָס „טריט", זייַן „רויטער שטורעם" געווען די זעלבע פאַרקערפּערונג פון די רעוואָליוציאָ־נערע אידייען, ווי אויך מארקישעס „שוועלן", האָפשטיינס „בייַוועגן" און „וואָלגער־שטיינער", קושניראָווס „ווענט". וואָס ווייַטער, איז אַלץ אידייִש־באַוווּסטזיניקער אויסגעדריקט דאָס נאַציאָנאלע און אינטערנאַ־ציאָנאלע אין דער יִידישער סאָוועטישער ליטעראַטור. פּעפּערס געזאַנגען וועגן קאָמיוג זייַנען געווען געזאַנגען ניט בלויז וועגן דעם שטעטל אין דער רעוואָליוציע; זייַן ליד טראָגט שוין מיט זיך די מאַסשטאַבן פון דער רעוואָליוציע איבערן גאַנצן לאַנד, איבער „סיביר, אוראַל, קאַלוגע און טריפּאָליע". יִידישע שטעטלדיקע יִינגלעך זייַנען געוואָרן יאַטן פון דער רעוואָליוציע, יִידישע מיידלעך — בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס.

די העלדן פון איזי כאַריקס „מינסקער בלאָטעס", די יִידישע שטעטל־דיקע יִינגלעך, די פּיניעס, האָבן דערהערט דעם רוף פון דער צייַט, דער־פילט דעם אינערלעכן גייַסטיקן מוז, דעם רעוואָליוציאָנערן שיקזאַל זייערן. זיי האָבן באַנומען דעם טאָך פונעם שטרענגן „האַסטיקן דעקרעט", אַז יעדערער פון אָט די „גאַנצע געסלעך מיט פּיניעס" „זאָל זיך גרייטן, זאָל זיך גרייטן, זאָל זיך גרייטן, זאָל זיך לערנען אף אַרייַן אין סאָוונאַרקאָם!". און מע איז אוועק אין סאָוונאַרקאָם, מע איז אַרייַן אינעם נייַעם לעבן, ווי צו זיך אהיים —

פון הויכן דאך ביז וויכן דיל
איז איצט צעלייגט דאָ אונדזער וווינונג,
און ווער עס דאַרף, און ווער עס וויל, —
פון הויכן דאך ביז וויכן דיל, —
די גאַנצע וועלט איז אונדזער וווינונג.

אזוי האָט דער גרויסער דיכטער פאַרקערפּערט דאָס נאַציאָנאַלע און דאָס אינטערנאַציאָנאלע („די גאַנצע וועלט איז אונדזער וווינונג").

אף א רעוואָליוציאָנערן אויפן, אין א הויך ראָמאַנטישן גייַסט איז אָפּגעשפּיגלט געוואָרן דאָס נאַציאָנאלע און אינטערנאַציאָנאלע אין קול־

באקס דיכטונג, איז זײַן באַוווסטער רעוואָליוציאָנערער פּאָעמע „די שטאָט", וואָס איז דורכויס געבויט אף דער שאַלנדיקער „מוזיק פון דער רעוואָליוציע" (בלאָק), אף דעם הילכיקן געקלאַנג פון דער רעוואָליוציע („עס האָבן די גלעקער געקלונגען!") און אף דעם רעוואָליוציאָנערן פריידיקן מאַרש פון די בראָנזענע יונגען:

און בראָנזענע יונגען
באַפאַלן איז דעמלט א ווילן
צו שטילן
דעם צאָרן פון יאָרן,
וואָס זײַנען פאַרלאָרן.

פּערעץ מאַרקיש — „דער שטורעם־פויגל" פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג שאַפט זײַן פײַערדיקע דיכטערישע עפּאָפּיי „ברידער" — א ניט געזעענע אין דער ייִדישער ליטעראַטור לויט די מאַסשטאַבן רעוואָליוציאָנערע פאַרקערפּערונג פון נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן. אין שטורעמדיקן געדראַנג פון דער רעוואָליוציע טראָגן זיך אַרום ניט בלויז די ברידער אַזריעל און שלוימע־בער, נאָר אויך דער מאַטראָס טרובאַ, די כינעזער, די לאַטישן, די אוקראַינער. דאָס נאַציאָנאַל־ייִדישע איז אָרגאַניש איבערגעפלאָכטן מיטן אינטערנאַציאָנאַל־סאָוועטישן.

דאָוויד האָפשטיין, דער אנערקענטער קלאַסיקער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליריק, דער לערער פון גאַנצע דיכטערישע דורות, איז מער פון אַנדערע ייִדישע דיכטער געווען אָנגעזעטיקט מיט נאַציאָנאַלן טרויער. דער דיכטער איז פולשטענדיק געווען אויפריכטיק און אָפנהאַרציק אין זײַנע באַוווסטע שורעס:

איך האָב אף מײַן אַקסל א מאַסע גענומען
פון זוימען באַפּײַכטע מיט האַרבסט־טויען קאַלטע,
מיט זיידנס ירושה, מיט שטעקן מיט אַלטן,
מיט אַלטן פאַרשטויבטן, פאַרשרומפּענעם לאָגל...
געלאָזט זיך אף וועגן, אף וואַנדער, אף וואָגל...

אָבער דער זעלבער דיכטער האָט באַנאַנד מיט דעם נאַציאָנאַלן, מיט דער זעלבער קינסטלערישער קראַפט, אויסגעדריקט דאָס אינטערנאַציאָנאַלע, די מאָטיוון פון סאָציאַלע שטרײַטן אין דער גאַנצער מענטשלעכער

געשיכטע און דעם גלויבן אין דער קראפט פון רעוואָליוציאָנערן איבער־שטאלטיקן די וועלט:

„פרעגסט מיך, שטילער ברודער, ווער וועט צאָלן פאר די טאָלן ביי־נער, פאר די טײַכן בלוט? הער זשע, ברודער! אייביק, אייביק שטרײַטן וואָרצלען אונטער דר׳ערד, אייביק, אייביק פאָכען מענטשן מיט דער שווערד... אייביק, אייביק! נאָר ס׳האָט קיינמאָל אזוי גלייביק ניט געהויבן זיך די האנט! ס׳האָט נאָך קיינמאָל אזוי זיכער ניט געטראָגן זיך קיין וויכער איבער מענטשן־ראנד...״

דער דיכטער באטראכט זײַן ליד, ווי א טייל פון דעם פעלקער־געזאנג וועגן אויסלייזונג און פרײַהײַט אין דער גאָרער וועלט:

כ׳הער די בערג, און כ׳זע די פלאכן,
כ׳הער פון אויסלייזונג די ליד,
וואָס אף אלע, אלע שפראכן
האָט א וועג זיך אויסגעגליט.
אף די בערג און אף די פלאכן
כ׳זע דעם בלי פון מײַן געמיט,
כ׳הער אין אלע, אלע שפראכן
אויך דעם אָפּקלאנג פון מײַן ליד.

האגאם די ייִדישע סאָוועטישע פּראָזע איז אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָליוציע געווען הינטערשטעליק אין פארגלײַך מיט דער דיכטונג, האָט זי אָבער שוין אין דער מיט פון די צוואנציקער יאָרן, אין די בעסע־רע ווערק, פולשטענדיק נײַ און איבערצײַגעוודיק געמאָלט די נאציאָנאלע באציִונגען און די סאָציאלע פּראָצעסן אינעם לעבן פון דער סאָוועטישער געזעלשאפט. דאָוויד בערגעלסאָנס „שטורעם־טעג״ און „מידאס־האדין״ איז א קינסטלערישע געשיכטע פון די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָליוציע און פונעם אָנטייל פון די ייִדישע מאסן אין דער רעוואָליוציע. בערגעלסאָן האָט דער ערשטער אין דער ייִדישער סאָוועטישער פּראָזע אין א ברייטן מאסשטאב אָנגעהויבן מאָלן ייִדישע געשטאלטן באנאנד מיט רוסישע, אוק־ראַיִנישע. די שילדערונג פונעם בירגערקריג האָט ער ארויסגעפירט פון די שמאָלע שטעטלדיקע גרענעצן און האָט זי אריבערגעטראָגן אף די ברייטע פלאצדארמען פון דער שטאָט, ווו די רעוואָליוציע האָט געשטור־רעמט די אלטע וועלט.

אין זײַן גרויס װערק „באַם דניעפּער" האָט בערגעלסאָן אױף אַ נײַעם אופֿן באַװיזן די סאָציאַלע גרונט־פּראָצעסן פֿונעם ייִדישן לעבן אין אָנהײב פֿון אונדזער יאָרהונדערט. דאָס נאַציאָנאַלע און דאָס אינטערנאַציאָנאַלע האָט באַקומען דאָ אַזאַ גרינטלעכע קינסטלערישע פֿאַרקערפּערונג, װי זעלטן־װען און זעלטן־װוּ אין דער ייִדישער ליטעראַטור. די ייִדישע בורזשואַזע קריטיק אין אױסלאַנד קאָן ביז איצט ניט מוחל זײַן דעם גרויסן שרײַבער זײַן שאַרף־נעגאַטיװע קריטישע שילדערונג פֿונעם ייִדישן גוויר, פֿון דער ייִדישער גווירישער קולטור און דעריקער — די באַגײַסטערטע שילדערונג פֿון דער רעװאָליוציאָנערער באַװעגונג, פֿון איר אינטערנאַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער, פֿון דעם געמײנזאַמען קאַמף פֿון ייִדישע און רוסישע רעװאָליוציאָנערן קעגן צאַריזם, קעגן נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אונטערדריקונג. מיט ביטל רעדן די בורזשואַזע קריטיקער װעגן דעם, אַז „באַם דניעפּער" איז „ניט מער װי אַ מין געשיכטע פֿון דער פּאַרטײ", ניט זײַענדיק אימשטאַנד צו באַנעמען די נײַע עסטעטיק פֿונעם שרײַבער און זײַן נײַעם שעפֿערישן מעטאָד.

כאַראַקטעריסטיש פֿאַר בערגעלסאָנס לעצטן ראָמאַן איז אױך דאָס, װאָס ער איז געשאַפֿן געװאָרן אונטער אַ באַשטימטן אײַנפֿלוס פֿון מאַקסים גאָרקיס עפּישע װערק („פֿאָמאַ גאָרדײעװ", „מײַנע אוניװערסיטעטן", „קינדהײַט", „צװישן מענטשן", „אַרטאַמאָנאָװס געשעפֿט") און דעריקער — אונטערן אײַנפֿלוס פֿון גאָרקיס „דאָס לעבן פֿון קלים סאַמגין". אױב פֿריִער האָבן מיר דאָס געקענט פֿעסטשטעלן בלױז אַפֿן סמאַך פֿון אַ פֿאַרגלײַכנדיקן אַנאַליז, האָבן מיר איצט נאָכמען מײַזילס גװיעס־אײדעס:

„זאָל דאָ דערצײלט װערן, װי ער איז געקומען צו זײַן „באַם דניעפּער". װען איך האָב איבערגעלײענט מ. גאָרקיס „דאָס לעבן פֿון קלים סאַמגין" און געװוּנען פֿאַרגאַפֿט פֿונעם לעבן און פֿון די געשטאַלטן, װאָס גאָרקי האָט מיט אַזאַ ברײטקײַט און פּאַרטײפּטקײַט אַרויסגעבראַכט, האָב איך דאָן פֿון װאַרשע געשריבן אײן בריװ און אַ צװײטן צו דאָװיד בערגעלסאָנען און געצױגן זײַן אױפֿמערקזאַמקײַט אױף דעם אופֿן, װי גאָרקי האָט אין רעטראָספּעקט געזען און געמאָלט דאָס פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכע לעבן אין רוסלאַנד, די גוראַנגלעניש און די זוכענישן, די באַרג־אַרופֿן און באַרג־אַראָפּן פֿון די פֿאַרשײדענע מענטשן פֿון זײַן צײַט. איך האָב אין מײַנע בריװ אױסגערעכנט די פּאַסירונגען, װעלכע מיר האָבן בײַגעװױנט, און די מענטשן, װאָס זײַנען געװען פֿאַרװיקלט אין די אַלע

געשעענישן, וואָס זײַנען שוין צו יענער צײַט געווען שטיקער געשיכטע. בערגעלסאָן האָט דאן גערן און מיט דאנק אָנגענומען מײַן פאָרשלאָג צו־צוטרעטן צו מאָלן די פריערדיקע יאָרן פון זײַן קינדהײַט און פון די עלטערע יאָרן, וואָס זײַנען אדורכגעגאנגען אין קיעוו, ווען מיר זײַנען שוין געווען יונגע אײדעס און דערנאָך — שוין מער באוווסטזיניקע מיט־גייער און מיט־טוער. אין ווארשע זײַנען בא מיר געווען לאנגע בריוו פון דאָוויד בערגעלסאָנען אויך פון יענער צײַט און וועגן דעם, ווי ער איז געווען פארקאָכט און פארכאפט מיט דער אידיי (די בריוו און מײַן אר־כיוו זײַנען פארניכטעט געוואָרן בימיי היטלער)״...[1]

דאָס נאציאָנאלע און אינטערנאציאָנאלע אין דער ייִדישער ליטערא־טור דריקט זיך, אגעוו, זייער בוילעט אויס אין דעם, וואָס זי האָט זיך אנטוויקלט אין סאמע ענגסטער פארבינדונג מיט דער רוסישער ליטערא־טור. מענדעלע, לעמאָשל, האָט פאָשעט אָנגערופן זײַנעם א ראָמאן מיטן נאָמען פון טורגעניעווס ראָמאן „עלטערן און קינדער״. טורגעניעוו האָט ביכלאָל גאָר שטארק געווירקט אף דער ייִדישער און העברעישער ליטע־ראטור.

וועגן דער פארבינדונג פון שאָלעם־אליכעמען מיט דער רוסישער ליטעראטור איז שוין גערעדט און געשריבן געוואָרן ניט ווייניק. נעקרא־סאָווס ווירקונג אף דער ייִדישער און העברעישער דיכטונג איז אויך פון לאנג פעסטגעשטעלט.

די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור האָט אײַנגעהיט די טראדיציע פון ענגער פארבינדונג מיט דער רוסישער ליטעראטור. דאָס איז צו זען ניט בלויז אין בערגעלסאָנס ראָמאן „באם דניעפער״, נאָר אויך אין דעם ניס־טערס „מישפאָכע מאשבער״, אין זײַן בוך „דרײַ הויפטשטעט״. אָט די צוויי ווערק, וועלכע זײַנען דעם ניסטערס ערשטע רעאליסטישע שאפונ־גען און זײַן סאמע באדײַטנדיקער אופטו אין דער ליטעראטור, זײַנען שטארק פארבונדן מיט דאָסטאָיעווסקיס שאפונג.

וואָס איז שײַעך דער סאָוועטישער דיכטונג, איז שוין אויך ניט איין מאָל געשריבן געוואָרן וועגן דער ווירקונג פון די גרויסע רוסישע פאָעטן אלעקסאנדער בלאָק, וולאדימיר מאיאקאָווסקי, סערגיי יעסענין אף דער

---

[1] נ א כ מ ע ן מ ײַ ז י ל. דאָס ייִדישע שאפן און דער ייִדישער שרײַבער אין סאָוועטנפארבאנד. איקוף־פארלאג, ניו־יאָרק, 1959. זז. 181 — 182.

שאַפונג פון די אָנהייבער פון דער סאָוועטישער ייִדישער דיכטונג אָשער שווארצמאַן, דאָוויד האָפשטיין, לייב קוויטקאָ, פּערעץ מאַרקיש, מוישע קולבאַק, אַרן קושניראָוו, שמועל האַלקין, עזראָ פינינבערג און אויך אַף דער שאַפונג פון די אָנגעזעענע הײַנטצײַטיקע ייִדישע דיכטער אַרן ווערגעליס, מוישע טײַף, מאָטל גרוביאַן, אוורהאָם גאָנטאַר, שיקע דריז, מענדל ליפשיץ אאַ.

נאַטירלעך, דאָ גייט אַ רייד ניט וועגן דער ווירקונג פון דעם אָדער יענעם שרײַבער פון איין ליטעראַטור אַף דער שאַפונג פון דעם אָדער יענעם שרײַבער פון אַ צווייטער ליטעראַטור. אַזוינס קאָן אַמאָל טראָגן אַ צופעליקן כאַראַקטער. עס גייט אַ רייד וועגן פאַרבינדונגען צווישן נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן. און דאָס איז אַ געזעצמעסיקײַט, וואָס האָט אַ שײַכעס צו דער פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן.

אין ש. גאָדינערס ראָמאַן „דער מענטש מיט דער ביקס“, אין מ. דאַניעלס ראָמאַן „יוליס“, אין זײַן פּיעסע „יאָהאַן גוטענבערג“, אין ה. אָרלאַנדס „הרעבליעס“ און „אַגלאָמעראַט“, אין מ. אַלבערטאָנס „פיאָדאָר זובקאָוו“, „ביראָבידזשאַנער“, „שאַכטעס“ איז די פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן קינסטלעריש רעאַליזירט אַפן סאַמע אָרגאַנישן אויפן, ניט ווי אַן אידעאָלאָגיש אָנגעבונדענער מוז, נאָר ווי אַ נאַטירלעכע דינאַמיק פונעם לעבן.

מיר ווייסן: די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור האָט געהאַט אירע שוועריקײַטן און קאָמפּליקאַציעס. די רעוואָליוציע, — פלעגט זאָגן טשערנישעווסקי, — איז ניט קיין שפּאַציר איבערן נעווסקי פּראָספּעקט. איר אַנטוויקלונג איז פאַרבונדן מיט דראַמאַטישע און טראַגישע קאָליזיעס. און אַזוי איז אויך די ליטעראַטור פון דער רעוואָליוציע. און אַזוי איז אויך די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור. די רעוואָליוציאָנערע ליטעראַטור האָט ניט בלויז טריומפירט; זי האָט אויך געזוכט און געבלאָנדזשעט, געמאַכט פעלערן אויך אין אַזעלכע פּראָבלעמען, ווי דאָס נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע. עס זײַנען געווען „טריסטיאַ“, „די קופּע“, „אַזקאָרע“, „די ליד פון מײַן גלײַכגילט“, „ווײ און מוט“; עס איז געווען צאַר און טרויער, שוידער פון פּאָגראָמען, רויִנירונג פונעם שטעטל, זעקס מיליאָן קדושים... דאָס אַלץ איז געשיכטע, און מע קאָן דאָס ניט פאַרמעקן און מע קאָן דאָס ניט פאַרגעסן.

דאָס נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע נאָך דער צווייטער וועלט־

מילכאָמע טראָגט מיט זיך, אין אונדזערע טעג, נײַע, ברייטערע אספּעקטן און מאסשטאבן, ווי ביז דער מילכאָמע. דאָס האָט אַ שײַכעס צו דער גאַנצער סאָוועטישער ליטעראַטור און אויך צו דער ייִדישער. דאָס לעבן און דער שטייגער פֿון די היַינטיקע ציוויליזירטע פֿעלקער, באַזונדערס פֿון די פֿעלקער פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד, האָט דורכגעמאַכט קאָלאָסאַלע ענדערונגען, ראַדיקאַלע איבערגעשטאַלטונגען: טעכניש־עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, שטייגערישע, עטנישע, קולטורעלע, פּסיכאָלאָגישע. דאָס נאַציאָנאַלע ווערט אַלץ שטאַרקער צונויפֿגעבונדן מיטן אינטערנאַציאָנאַלן.

ביז דער רעוואָליוציע האָט דאָס נאַציאָנאַלע זיך געהאַלטן פֿעסט אַף רעליגיע, אַף אײַנגעשטעלטע פֿון דורות געוווינונגען און מינהאָגים, אַף פּאַטריאַרכאַלער עקאָנאָמיק, אַף טעריטאָריעלער און נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקײַט, אַף אָבערגלויבן און אמונאָס. פֿונדעסטוועגן האָט אויך דעמאָלט וואָס ווײַטער אַלץ מער זיך אַנטוויקלט דאָס אינטערנאַציאָנאַלע אינעם לעבן פֿון די פֿעלקער. נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, און באַזונדערס אין אונדזער צײַט, איז דאָס נאַציאָנאַלע פֿאַרבונדן מיטן אינטערנאַציאָנאַלן. די טעכניק דרינגט אַרײַן אין די פֿאַרוואָרפֿנסטע ווינקלען און קאַנטן, ווישט אָפּ די אונטערשיידן צווישן שטאָט און דאָרף. צי קאָן מען זיך פֿאָרשטעלן אין אונדזער צײַט דאָס לעבן אָן מאַשינעס, אָן עלעקטרע, אָן אויטאָמאָבילן, ראַדיאָ, טעלעוויזיע, אָן די מאָדערנע פֿאַרבינדונגס־מיטלען און מיטלען פֿון אינפֿאָרמאַציע? צי קאָן מען זיך פֿאָרשטעלן אַ קוואַליפֿיצירטן אַרבעטער, אַ טראַקטאָריסט, אַן אַגראָנאָם, וועלכער לעבט לויט רעליגיעזע קאַנאָנישע געזעצן, אויב אַפֿילע עס איז פֿאַראַן אַ קלויסטער אָדער אַ שול? עס טרעפֿט, אַז אין קלויסטער גייען אַמאָל אויך געבילדעטע מענטשן, אָבער דאָס איז שוין גיכער נײַגעריקײַט — אַ קוק טאָן אַף דעם, וואָס איז געווען אַמאָל, אָבער ניט צו לעבן איצט לויט די אַמאָליקע נאָרמעס.

די ליטעראַטור, וועלכע איז געבליבן נאַציאָנאַל דעריקער לויט דער שפּראַך, לויט דער נאַציאָנאַלער קולטור־טראַדיציע, איז איצט מער ווי ווען־עס־איז פֿריִער דורכגעדרונגען מיט אינטערנאַציאָנאַלע און צווישן־נאַציאָנאַלע מאָטיוון. דאָס נאַציאָנאַלע ווערט רעאַליזירט דורך שילדערן דאָס סאָוועטישע, דאָס נײַע לעבן.

עס איז פֿאַראַן אַ געוויסער אונטערשייד אינעם קינסטלערישן פֿאַרקערפּערן דאָס נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע אין דער דיכטונג און

אין דער פּראָזע. די פּראָזע איז מער קאָנקרעט אין אירע שטייגער־בילדער, אין איר פּסיכאָלאָגישער שילדערונג, אין שאַפן געשטאַלטן, אַנטוויקלען דעם סוזשעט, בײַס די דיכטונג איז מער גענייגט צו אַנטפּלעקן דאָס אַל־געמיין מענטשלעכע.

פונדעסטוועגן האָט די הײַנטצײַטיקע יִדישע דיכטונג געגעבן און גיט מוסטערן פון קינסטלעריש פאַרווירקלעכן דאָס נאַציאָנאַלע און אינטערנאַ־ציאָנאַלע, דאָס הײַנטצײַטיקע און היסטאָרישע, דאָס סוביעקטיווע און אָביעקטיווע. אין טײַפס פּאָעמע „דאָס געזאַנג וועגן ברידער" איז דער דיכטער געקומען צו דער אינטערנאַציאָנאַלער הומאַניסטישער רעוואָליו־ציאָנערער אידיי וועגן מענטשלעכן פרײַנטלעכן צוזאַמענלעבן, צו דער אידיי וועגן מענטשלעכער ברידערשאַפט:

אַף אייביק וועט בלײַבן געלויבט און געבענטשט
דער מענטש, וועלכער שטאַרבט פאַר זײַן ברודער
דעם מענטש!

...און ס׳גייט די פּראָצעסיע, פון לאַנד צו לאַנד,
דער זאָקן — פּאָרויס, ווי אַ וועגווײַזער, שפּאַנט.

און גלײַך הינטער אים, בלויז אַף עטלעכע טריט,
גייט אַ וואָלף מיט אַ שעפּס און אַ קינד אין דער מיט.

צו אָט דער אידיי איז טײַף געקומען דורך דער טראַנספאָרמאַציע פו־נעם פאַנטאַסטישן און טרוימערישן נאַציאָנאַל־פאָלקלאָרישן פאָלקס־מײַ־סעלע, דורך דער אוראַלטער ביבליש־מיטאָלאָגישער בילדערישקײַט. און דורך די זעלבע מיטלען פון רעוואָליוציאָנער־פאָלקלאָרישער בילדעריש־קײַט און נאַציאָנאַל־פאַנטאַסטישער טרוימערישער ראָמאַנטיק איז טײַף געקומען אין דער פּאָעמע „דאָס גאָלדענע עפּעלע" צו דער ליריש־עמאָ־ציאָנעלער דיכטערישער פאַרווירקלעכונג פון דער אינטערנאַציאָנאַליסטי־שער אידיי פון פעלקער־פרײַנטשאַפט און אײַנצײַטיק דערמיט — צו דעם גערעכטיקן נעקאָמע־געפיל בענגעיע דעם פאַשיסטישן מערדער.

גאָר בוילעט אַנטפּלעקט זיך דאָס נאַציאָנאַלע און דאָס אינטערנאַ־ציאָנאַלע אין די לידער און פּאָעמעס פון אַרן ווערגעליס. איך האָב אין זינען אין דער ערשטער ריי זײַנע דרײַ פּאָעמעס: „קאָסמישע פּאָעמע",

„איך רעד צו דיר, אמעריקע", „דער אָנהייב און דער סאָף". איך מיין, אז אין טאָך האָבן מיר פאר זיך אַ מין פּאָעטישע טרילאָגיע פון דרײַ ווערק, ווו עס זײַנען פארקערפּערט וויכטיקע פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטי־קײַט. די דאָזיקע פּאָעטישע טרילאָגיע צייכנט זיך אויס מיט איר נאָוואַ־טאָריש־עקספּערימענטירנדיקן כאראקטער, מיט איר זוכערישקײַט און דרייסטקײַט אין פאָרם און אין סטיל. די פּאָעמעס זײַנען אַ באשטימטער ווענדפּונקט אין דעם דיכטערס וועג פון ליריק און ראָמאנטיק צו ליריק און עפּאָס, צו סוביעקטיווער אנטפּלעקונג פון אָביעקטיווע אקטועלע פּראָ־צעסן און דערשײַנונגען. דער זשאנער פון אַ ליריש־עפּישער פּאָעמע, וואָס פאררייניקט אַ ציקל לידער ארום אַ ליריש געשטאלט אָדער ארום אַ באַ־שטימטן אידייען־קאָמפּלעקס, איז פרוכטבאר פארן דיכטער און קאָן ברענ־גען צו נאָך גרעסערע קינסטלערישע און שעפערישע דערפאָלגן.

דאָס נאַציאָנאלע און אינטערנאַציאָנאלע איז אין אָט די דרײַ פּאָעמעס אויסגעדריקט אין אַ גאנץ פרײַער פאָרם. דער דיכטער מישט צונויף באַ־וווסטזיניק און אפילע איראָניש אלט און נײַ, רעליגיע און וויסנשאפט, קאָסמאָס און געטלעכקײַט. דער קאָסמאָנאווט פליט אין דער אלוועלט, און עס באהערשן אים פארשיידנערליי שטימונגען:

מיט יאָרן צוריק האָבן טאטעס,
נאָך יונגע,
געטרייסלט די זײַלן, געקערט אַ וועלט —
אויך דעמלט זיי האָבן די ליד געזונגען:
...ניט גאָט אליין
און ניט קיין העלד...

און כאָטש, מ'האָט געשפּאנט
אונטער הײַנטיקע פענער, —
דעם מענטש מע האָט דעמלט אין רוים ניט געשיקט,
ווײַל ס'איז אָט דער אופטו ניט מעגלעך געווען נאָך,
ביזוואנען עס האָט יענע ליד ניט געזיגט.

און איצט —
זיך דערזען אפן זיבעטן הימל,
ער האָט זיך דערזען
און זיך גאָרניט פארכידעשט:

ווי מוישע ראביינו, געוווסט האָט ער פרי׳ר,
אז ס׳וועט דער ריבוינעשעלוילעם גוטברודערש
אים אָפּטרעטן ניסים אצינד אָן א שיר...

קינסטלעריש גאָר שארף איז די פּראָבלעם פון נאציאָנאלן און אינ־טערנאציאָנאלן פארקערפּערט אין דער באוווסטער ליד פון א. ווערגעליסן „טרעבלינקע״ — וועגן אומקום פון ייִדן אין די דײַטשישע פּארטיליקונגס־לאגערן.

אין אורואָם גאָנטארס דיכטונג דאָמינירט דאָס אלגעמיין מענטשלעכע, די פילאָסאָפישע ליריק, די ליבע־ליריק, די פּייזאזש־ליריק. ער ווענדט זיך זעלטן צו ספּעציעל נאציאָנאלע פּראָבלעמען. אָבער אויך בא אים טרעפן זיך לידער, ווו אָט די פּראָבלעמען ווערן אזוי אָדער אנדערש אנט־פּלעקט. עס פילט זיך, אז אָט די פּראָבלעמען רעגן דעם דיכטער ניט ווייניקער פון אנדערע, אז ער טראכט וועגן זיי. דאָס איז צו זען, לעמאָשל, אין די לידער וועגן דעם גוירל פון ייִדיש, וועגן דער פארניכטונג פון ייִדישע קינדער מיצאד די נאציס.

אף זייער אן אייגנארטיקן אויפן קומען צום אויסדרוק די אידייען פון היינטצײַטיקײַט, פון נאציאָנאלן און אינטערנאציאָנאלן אין מאָטל גרוביאַנס ליריק. באנאנד מיט די לידער וועגן קובא, וועגן קאָנגאָ, וועלכע זײַנען דורכגעדרונגען מיט אינטערנאציאָנאליזם, מיט מיטגעפיל צו די קאָלאָניאלע פעלקער, צו זייער קאמף פאר נאציאָנאלער אומאָפּהענגיקײַט און פרײַהײַט, קלינגען טרויעריק און טראגיש די לידער וועגן אומקום פון זעקס מיליאָן ייִדן („א שפּאציר איבער אלט־ריגע״, „ווילנער פארנאכטן״, „מײַן שטאם״, „וואגאָנען״, „א בלימעלע״, „באם ארײַנגאנג אין „דוש״, „אָשווענטשימער מוזיי״, „מיטן ערשטן דונער״ און אנד.). אין די דאָזיקע לידער רופט זיך איבער גרוביאנס ליריק מיט דער ליריק פון גאָנטארן און ווערגעליסן. אין דער ליד „אָשווענטשימער מוזיי״ איז מיט א גרויסער קינסטלערישער קראפט אויסגעדריקט די טראגעדיע פונעם ייִדישן פאָלק אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע:

„ברילן פון פרויען, ברילן פון מענער, ברילן פון קינדער. קלענערע גלעזער, גרעסערע גלעזער. ברילן אָן אויגן מיט טרויער פארן ארײַנגיין אין טויער. ברילן, וואָס זײַנען פאריאָסעמט געוואָרן, ברילן, וואָס האָבן די שײַן פארלאָרן, ברילן פארשפּריצטע מיט א בלוטיקן פרילינג! וועלכע

מאָס דארפט איר ברילן? ייִדישע ברילן, טשעכישע ברילן, פראנצויזישע ברילן, האָלענדישע ברילן. ברילן, וואָס קאָנען דעם יאם מיט טרערן אָנ־פילן. ברילן מיט אש פון די אויוונס פארצויגן, ברילן, וואָס ווילן זײַן ברילן, אויסגעזעצט האָט מען בא זיי די אויגן. ברילן פענסנע מיט זונ־גאָלד בארעמלט, ברילן, וואָס קוקן אין פּאָנעם דעם הימל זיך שעמען. ברילן, וואָס שרײַען: מיר האָבן געזען, ווי מ׳האָט קינדער און זקיינים געוואָרפן אין פײַער! ברילן מיט דרעטלעך, פארזשאווערט פון רעגן, ברילן, וואָס דאָס הארץ זיך אויסרעדן מעגן... ברילן, וואָס קיין וואָלקנס וועלן מער נישט פארוועבן. ברילן? — אָן ברילן קוקט איצט מײַן פאָלק אפן לעבן...״

דאָס נאציאָנאַלע און אינטערנאציאָנאַלע איז א וויכטיקע שעפערישע פּראָבלעם בא אלע ייִדישע סאָוועטישע דיכטער.

די הײַנטצײַטיקע ייִדישע פּראָזע האָט געגעבן ניט ווייניק בײַשפּילן פון קינסטלעריש פארווירקלעכן די באטראכטע פּראָבלעם. אין מ. אלטמאַנס און אין אי. קיפּניסעס ווערק, אין די ראָמאַנען און דערציילונגען פון נאָטע לוריע, נאטאן זאבארע, טעוויע גען, יויסעף ראבין, שמועל גאָרדאָן, הערשל פּאָליאנקער, בוזי מילער, כאים מעלאמוד, יעכיעל פאליקמאַן, שירע גאָרש־מאַן, יעכיעל שרײַבמאַן, מארק ראזומני, עליע גאָרדאָן, ר. רובין, הירש דאָ־בין, מישע לעוו, ה. ראבינקאָוו און אנד. איז געגעבן א טיפע פארקערפּע־רונג פון דעם נאציאָנאלן און אינטערנאציאָנאלן אין דער שילדערונג פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע און נאָך איר — א פארקערפּע־רונג פונעם לעבן אין אונדזער צײַט.

●

2. אנטוויקלונג פון מעטאָדן און סטילן. רעאליזם

אין דער סאָוועטישער ליטעראטור־וויסנשאפט איז אלזײַטיק אויסגע־פאָרשט און באארבעט די פּראָבלעם פון רעאליזם אלס שעפערישער מע־טאָד, אלס קינסטלערישער סטיל און אלס ליטעראַרישע ריכטונג. אין די

וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן פון די סאָוועטישע טעאָרעטיקער און ליטעראַ־טור־פאָרשער איז די פּראָבלעם באַטראַכט געוואָרן פון פאַרשיידענע אַס־פּעקטן און שטאַנדפּונקטן: פון עסטעטישן, היסטאָרישן, פילאָסאָפישן, עטד־לעך, פונעם שטאַנדפּונקט פונעם הײַנטצײַטיקן צושטאַנד פון דעם רעאַ־ליזם און זײַן ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג.

באַ הײַנטיקן טאָג איז אַ ריי פאָרשער געניגט צו מיינען, אַז היס־טאָריש ציט דער רעאַליזם זײַנע אָנהייבן אין דער ליטעראַטור פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע (שעקספּיר, סערוואַנטעס, ראַבלע, לאָפּע דע וועגא). די ליטעראַטור פון אַלטערטום און מיטלאַלטער קאָן ניט גערעכנט ווערן פאַר קיין רעאַליסטישער, אף וויפל דער מאַטעריאַל און דער אַרסענאַל פון איר אידייִשן אינהאַלט איז פאַרבונדן ניט מיטן רעאַלן היסטאָרישן לעבן פונעם מענטשן און פונעם פאָלק, נאָר הויפּטזאַכלעך מיט דער ביב־לישער, גריכישער און רוימישער מיטאָלאָגיע (אין אַלטערטום) און מיט רעליגיע (אין מיטלאַלטער). דאָס באַטײַט ניט, אַז די ליטעראַטור ביז דער עפּאָכע פון רענעסאַנס שפּיגלט מיט גאָרניט ניט אָפּ די רעאַלקײַט, די אָביעקטיווע ווירקלעכקײַט. אַזאַ ליטעראַטור קאָן ביכלאַל ניט געמאָלט זײַן. אויך די מיטאָלאָגיע און רעליגיע זײַנען אויפגעקומען אויפן באָדן פון אָביעקטיווע לעבנס־באַדינגונגען און זײַנען אויך געווען אַ מין אייגנאַר־טיקע אָפּשפּיגלונג פונעם רעאַלן לעבן דורך פאַנטאַסטישע פאָרמען און מיטלען, וועלכע האָבן געקאָנט באַטראַכט ווערן ווי יענזײַטיקע.

דער רעאַליזם אין דער ליטעראַטור און אין דער קונסט הייבט זיך אָן דעמלט, ווען זיי רײַסן זיך אָפּ פון די פאַנטאַסטישע, רעליגיעזע, איבער־מענטשלעכע (געטלעכע), איבערנאַטירלעכע אידייען און בילדער און הייבן אָן אָפּערירן מיט קאָנקרעטע ערדישע, מענטשלעכע, נאַטירלעכע בילדער און אידייען. ניט אָפּזאָגנדיק זיך פון פאַנטאַזיע, אפילו פון פאַנטאַסטיק, פון אידעאַלע טרוימען, גײַסטיקע זעונגען, אויסערגעוויינלעכע טראַכטונ־גען און דימיוינעס, קאָנצענטרירט זיך דער רעאַליזם אף דער שילדערונג פונעם נאַטירלעכן, מאַטעריעלן אַלס באַשטימענדיקן יעסאָד, אף וועלכן עס ווערט געבויט דאָס קינסטלערישע ווערק ווי אַן אָפּשפּיגלונג פונעם מענטשנס לעבן.

די ליטעראַטור־וויסנשאַפֿט האָט נאָך ניט געגעבן קיין פֿעסטע טעאָ־רעטישע פֿאָרמולירונג וועגן די עסטעטישע פּרינציפּן פֿונעם רעאַליזם און וועגן די קינסטלערישע מיטלען פֿון רעאַליסטישער שאַפֿונג. און איך מיין, אַז עס זײַנען גאָרניט אַזוי שטאַרק נייטיק קאַנאָנען און געזעצן אין דעם געביט. קיין קלאָלים פֿון קינסטלערישער שאַפֿונג קאָנען ביכלאַל ניט זײַן. אַף וויפֿל יעדער קינסטלער שאַפֿט אַף זײַן אויפֿן און לויט זײַנע קלאָלים. אָבער דאָס באַטײַט ניט, אַז די וויסנשאַפֿט קאָן ניט פֿעסטשטעלן באַשטימ־טע געזעצמעסיקײַטן, וועלכע פֿאַראַלגעמיינערן די שעפֿערישע דערפֿאַרונג פֿון דער קונסט אין מעשעך פֿון דוירעס.

די ליטעראַטור־היסטאָריקער און טעאָרעטיקער האַלטן, לעמאָשל, אַז אין דער געשיכטע פֿונעם רעאַליזם קאָן מען איצט אָנמערקן אַזעלכע פּע־ריאָדן: דער פֿרי־יִקער רעאַליזם, אָדער דער רעאַליזם פֿון דער רענעסאַנס־עפּאָכע, דער רעאַליזם פֿון דער אויפֿקלערונגס־עפּאָכע, דער קריטישער רעאַליזם פֿונעם 19־טן און 20־טן יאָרהונדערטער, דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם. די דאָזיקע פּעריאָדיזאַציע פֿונעם רעאַליזם איז, נאַטירלעך, אַ באַדינגלעכע. עס עקזיסטירט ניט קיין שאַרפֿע אָפּגרענעצנדיקע מעכיצע צווישן איין פּעריאָד אין דער געשיכטע פֿון רעאַליזם און דעם צווייטן. פֿאַרקערט, איין פּעריאָד גרייט צו דעם צווייטן, איבערגעבנדיק די קומענ־דיקע דוירעס, ווי דורך אַן עסטאַפֿעטע, די אויפֿטוען פֿון די פֿרי־ערדיקע דוירעס.

די גרעסטע דערגרייכונגען פֿאַרצייכנט די קינסטלערישע ליטעראַטור אין מײַרעוו־אייראָפּע, באַזונדערס אין רוסלאַנד, אין דער שאַפֿונג פֿון דעם קריטישן רעאַליזם. אייגנטלעך גערעדט, ווען מע רעדט וועגן רעאַ־ליזם, האָט מען אין דער מערהײַט פֿאַלן אין זינען די שאַפֿונג פֿון סטענ־דאַלן, באַלזאַקן, פֿלאָבערן, מאָפּאַסאַנען אין פֿראַנקרײַך, דיקענסן, טעקערייען אין ענגלאַנד, פּושקינען, גאָגאָלן, טורגעניעוון, ל. נ. טאָלסטאָיען, דאָסטאָ־יעווסקין, טשעכאָוון אין רוסלאַנד.

די סאָוועטישע און אויסלענדישע ליטעראַטור־וויסנשאַפֿט פּרוווט גע־פֿינען און פֿעסטשטעלן די וויכטיקסטע אייגנשאַפֿטן און פּרינציפּן פֿונעם קריטישן רעאַליזם. אין דער ערשטער ריי גייט אַ רייד וועגן דער קינסט־לערישער אָפּשפּיגלונג פֿון סאָציאַל־היסטאָרישן לעבן פֿון די פֿעלקער אין דער גײַסטער עפּאָכע פֿונעם 19־טן און אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט. עס האַנדלט זיך פֿרי־ער פֿאַר אַלץ וועגן דעם פּרינציפּ פֿון סאָציאַלן אַנאַליז,

וואָס דער קריטישער רעאַליזם האָט געבראַכט מיט זיך אין פאַרגלײַך מיט אַנדערע שעפערישע מעטאָדן, סטילן, ליטעראַרישע ריכטונגען (קלאַסיציזם, סענטימענטאַליזם, ראָמאַנטיזם, נאַטוראַליזם, אימפּרעסיאָניזם, סימבאָליזם). דער רעאַליזם שפּיגלט אָפּ אין זײַנע בעסערע שאַפונגען די ווידערשפּרוכן פונעם סאָציאַלן לעבן, באַזונדערס אין אייראָפּע נאָך די בורזשואַזע רעוואָליוציעס אין 17־טן און 18־טן יאָרהונדערטער. די קריטישע רעאַליסטן זאָגן זיך אָפּ צו אָנערקענען און צו באַזינגען דעם נײַעם בורזשואַזן סיידער.

דער סאָציאַלער אַנאַליז און די שאַרפסטע קריטיק פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט — דאָס איז דער ערשטער גרונט־שטריך פונעם קריטישן רעאַליזם אַלס שעפערישער מעטאָד.

אַ צווייטער וויכטיקער גרונט־שטריך פונעם קריטישן רעאַליזם באַשטייט דערין, וואָס ער שאַפט קינסטלערישע טיפּן און אינדיווידואַליזירטע קינסטלערישע געשטאַלטן, וועלכע פאַרקערפּערן דאָס לעבן פונעם מענטשן אין דער געזעלשאַפט. אינדיווידואַליזירטע טיפּן — אָט דאָס איז נײַע און וויכטיקע, וואָס דער קריטישער רעאַליזם האָט ארײַנגעבראַכט אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור. ניט די אוראַלטע קונסט, ניט די קונסט פון מיטלאַלטער, ניט די שעפערישע ריכטונגען אין דער נײַער צײַט האָבן ניט געשאַפן קיין אינדיווידואַליזירטע טיפּן און געשטאַלטן. דער קלאַסיציזם האָט באַזונגען קיניגן און הערשער אַלס באַזונדערע, אויסשליסלעכע העלדן. דער קלאַסיציזם האָט פאַרקערפּערט די עפּאָכע פון אופגעקלערטן אַבסאָליוטיזם, ווען דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן איז געווען דערשטיקט און איבער אַלץ האָט געהערשט די אווטאָריטאַרע מאַכט פון איין מענטשן. דער סענטימענטאַליזם האָט אויך ניט געשאַפן קיין אינדיווידואַליזירטע טיפּן און געשטאַלטן. דער ראָמאַנטיזם האָט געשאַפן כאַראַקטערן פון מענטשן, וועלכע זײַנען געווען אָפּגעריסן פון די קאָנקרעטע לעבנס־באַדינגונגען, פון די סאָציאַלע ווידערשפּרוכן פון זייער עפּאָכע. דער סימבאָליזם האָט געשאַפן בלויז אַבסטראַקטע אַלעגאָרישע בילדער און צייכנס.

ווען עס גייט אַ רייד וועגן שעפערישע מעטאָדן, ליטעראַרישע סטילן און ריכטונגען, דאַרף מען אין זינען האָבן די ניט גלײַכמעסיקע אַנטוויקלונג פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן אין פאַרשיידענע עפּאָכעס. פאַר אַ בוילעטן בײַשפּיל קאָן דאָ דינען די געשיכטע פון דער רוסישער ליטעראַטור אין 19־טן יאָרהונדערט.

עס איז דעריבער קיין וווּנדער ניט, וואָס די מעטאָדן און סטילן האָבן אויך זיך אַנטוויקלט ניט גלײַכמעסיק. קימאַט אין איינער און דער זעל־בער צײַט האָבן אין דער רוסישער ליטעראַטור געשאַפן די פאָרשטייער פונעם קלאַסיציזם (דערזשאַווין), סענטימענטאַליזם (קאַראַמזין), ראָמאַנ־טיזם (זשוקאָווסקי) און רעאַליזם (פּושקין, גאָגאָל). דערבײַ איז די ניט־גלײַכמעסיקײַט אויסגעדריקט גאַנץ בולעט אויך דערין, וואָס בײַ איינע און די זעלבע שרײַבער אַנטפּלעקן זיך דײַטלעכע שטריכן פון פאַרשיי־דענע מעטאָדן, לעמאָשל, קלאַסיציזם און רעאַליזם (בײַ קרילאָוו, גרי־באָיעדאָוו), סענטימענטאַליזם און ראָמאַנטיזם (זשוקאָווסקי), ראָמאַנטיזם און רעאַליזם (פּושקין, גאָגאָל).

די נײַע יידישע ליטעראַטור, אָנגעהויבן פונעם סאָף 18־טן יאָרהונ־דערט און ביז מענדעלען, ביז דער מיט 19־טן יאָרהונדערט, האָט זיך אויך אַנטוויקלט ניט גלײַכמעסיק. דאָס איז ניט געווען אַזאַ שטורעמדיקער וווּקס און אויפבלי, ווי אין דער רוסישער ליטעראַטור, אָבער די ניט־גלײַכמעסיקײַט פון דער אַנטוויקלונג איז אויך אַ גאַנץ דײַטלעכע.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער געשיכטע פון דער נײַער יידישער ליטע־ראַטור ביז מענדעלען איז דאָס, וואָס אין איר האָט פולשטענדיק דאָמינירט דער רעאַליזם און עס האָבן קימאַט ניט געהאַט קיין אָרט אַנדערע שעפע־רישע מעטאָדן, סטילן, ליטעראַרישע ריכטונגען. דער דאָזיקער פאַקט איז שוין פעסטגעשטעלט אין דער ליטעראַטור־פאָרשונג. עס איז אָבער ביז איצט ניט דערקלערט די סיבה פון אָט דער מערקווירדיקער דערשײַנונג. ניט עריק, ניט ווינער, ניט שטיף, ניט ווײַנרײַך, ניט אַנדערע פאָרשער גיבן ניט קיין ענטפער אויף דער פראַגע, פאַרוואָס עס איז אין דער נײַער יידישער ליטעראַטור אפן ערשטן און צווייטן עטאַפּ פון איר אַנטוויקלונג ניט געווען קיין קלאַסיציסטישע, קיין סענטימענטאַליסטישע, קיין ראָמאַנ־טישע ריכטונגען, און עס איז געווען בלויז אַ רעאַליסטישע.

איך שטעל זיך דאָ ניט קיין ציל צו געבן אַ גענויעם ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע. איך וויל בלויז מאַכן אַ באַמערקונג, וואָס קאָן דינען פאַר אַ מין באַשטימטער דערקלערונג אין דער ריכטונג.

ביז הײַנטיקן טאָג ווערט די געשיכטע פון דער ליטעראַטור אויף יידיש באַטראַכט מער אָדער ווייניקער זעלבשטענדיק, מער אָדער ווייניקער אָפּ־געזונדערט פון דער ליטעראַטור אויף העברעיִש. מיר זײַנען געניגט צו

אנאליזירן די אָדער יענע ליטעראַרישע דערשײַנונג אַף ייִדיש גיכער אין פאַרבינדונג מיט אַנאַלאָגישע דערשײַנונגען אין דער רוסישער, אַפילע מײַרעוו־אייראָפּעישער ליטעראַטור, אָבער ניט מיט דער העברעיִשער.

דאָס דערקלערט זיך מיסטאָם דערמיט, וואָס איבער געוויסע סאָציִאַלע סיבעס האָבן די ייִדישע ליטעראַטורן אַף ייִדיש און העברעיִש אין מעשעך פון קימאַט צוויי הונדערט יאָר געפירט צווישן זיך אַ לאַנגדויערנדיקן קאַמף, וואָס האָט נאָך ניט אויפגעהערט אַפילע אין אונדזער צײַט, האַגאַם די אַמאָליקע שאַרפקײַט פון אָט דעם קאַמף איז שוין איצט אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

אין טאָך גענומען, איז אָבער די ליטעראַטור אַף ייִדיש, זינט איר אַנטשטייונג און ביז הײַנטיקן טאָג, אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער העברעיִשער ליטעראַטור סײַ לויט איר נאַציִאָנאַלן און סאָציִאַלן אינהאַלט, סײַ שפּראַכלעך. ווי אָפּגעזונדערט און אַפילע פײַנטלעך איינע צו דער צווייטער עס זײַנען ניט געווען די ייִדישע ליטעראַטורן אַף העברעיִש און ייִדיש, האָבן זיי אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן פונעם ייִדישן פאָלק. עס וואָלט געווען אומפאַרשטענדלעך און ניט וויסנשאַפטלעך „צופּעסטיקן" איין ייִדישע ליטעראַטור, לאָמיר זאָגן, די העברעיִשע ליטעראַטור, צו די פאַרמעגלעכע קלאַסן אין ייִדישן פאָלק (גווירים, קלייקוידעשע, אינטעליגענץ, קאָהאָלשע רעדלפירער), און די ייִדישע ליטעראַטור אַף ייִדיש — צו די אונטערדריקטע האָרעפּאַשנע מאַסן (באַלמעלאָכעס, אַרבעטער, דינסטן, מעשאָרסים, סטאַם אָרעמעלײַט). אַזוינס קומט ניט פאָר אין רעאַלן לעבן. קיין איין שפּראַך קאָן מען ניט „צופּעסטיקן" צו איין קלאַס. שפּראַך איז אַ נאַציִאָנאַלע קאַטעגאָריע, האַגאַם אין איר זײַנען בוילעט אויך סאָציִאַלע טענדענצן.

די אויפקלערונג, וואָס איז געווען אַן עכט פּראָגרעסיווע דערשײַנונג, האַגאַם אַ בורזשואַזע אידעאָלאָגיע, אין 18־טן און ביז דער מיט פונעם 19־טן יאָרהונדערט, האָט געהאַט איר פאַרשפּרייטונג סײַ אין דער העברעיִשער, סײַ אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אָבער דעריקער אין דער העברעיִשער, ווײַל זי איז אויפגעקומען אַף העברעיִש פריִער איידער אַף ייִדיש און האָט אַרויסגערוקט מער באַדײַטנדיקע דענקער און שעפער, ווי די אויפקלערונג אַף ייִדיש.

פון דער צווייטער זײַט, האָט אַזאַ רעאַקציִאָנערע באַוועגונג, ווי כאַ־

סידיזם, געהאט איר שפּראַכלעכע באַזע ניט אין העברעיִש, נאָר דאַפקע אין יידיש.

מיר ווייסן אויך, אַז די ערשטע רעוואָליוציאָנערע דעמאָקראַטישע ליטעראַטור־קריטיק איז געשאַפן געוואָרן אַף העברעיִש (מענדעלעס „עין משפּט", 1867; א. קאָוונערס „חקר דבר", 1865, און „צרור פרחים", 1867; א. פּאַפּערנאַ „קנקן חדש מלא ישן", 1867). די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע אויסגאַבעס פון מאָריס ווינטשעווסקי און אַרן ליבערמאַן זיינען דערשינען אַף העברעיִש.

מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז די יידישע שרייבער ביז די קלאַסיקער, סיי די קלאַסיקער גופא, האָבן געשאַפן אַף העברעיִש און אַף יידיש און האָבן מיט ליבע זיך באַצויגן צו דער קולטור־שאַפונג אַף ביידע שפּראַכן. ביז דער רעוואָליוציע איז קימאַט ניט געווען קיין יידישער שרייבער, וואָס זאָל ניט האָבן געשאַפן אַף ביידע יידישע שפּראַכן — יידיש און העברעיִש. אין טאָך גענומען, קאָן מען, נאַטירלעך, מיט געוויסע ערנסטע און וויכטיקע באַגרענעצונגען, באַטראַכטן די ליטעראַטורן אַף יידיש און העברעיִש ווי איין קולטור־דערשיינונג.

דערמיט ווערט אויפגעקלערט די פּראָבלעם פון סטילן אין דער נייער יידישער ליטעראַטור. אויב די ליטעראַטור אַף יידיש אין 19־טן יאָרהונדערט איז געווען הויפּטזאַכלעך אַ רעאַליסטישע, איז די ליטעראַטור אַף העברעיִש געווען הויפּטזאַכלעך אַ קלאַסיציסטישע און אַ ראָמאַנטישע. די נייע ליטעראַטור אַף העברעיִש אין די ווערק פון אירע אָנגעזעענסטע פאָרשטייער אין 18־טן און ביז דער מיט פונעם 19־טן יאָרהונדערט (ש.־ד. לוצאַטאָ, כ.־מ. לוצאַטאָ, נ.־ה. ווייזל, ש.־י. ראַפּאָפּאָרט, נ. קראָכמאַל, א.־ב. לעבענזאָן, ייצכאָק ערטער, יויסעף פּערל, מ. לעטעריס און אַנד.) איז ניט געגאַנגען ווייטער פון די גרענעצן פונעם קלאַסיציזם, ראָמאַנטיזם און סענטימענטאַליזם.

דאָס ווערט באַשטעטיקט אויך מיט די זשאַנרען און פאָרמען פון ביידע ליטעראַטורן. די ליטעראַטור אַף יידיש איז אין מעשעך פונעם גאַנצן 19־טן יאָרהונדערט געווען אַ ליטעראַטור פון דראַמע (די קאָמעדיעס פון דער בערלינער אויפקלערונג, עטינגערס „סערקעלע", אַקסענפעלדס פּיעסן, לעווינזאָנס „די העפקער־וועלט", די דראַמאַטישע ווערק פון די קלאַסיקער, אַווראָם גאָלדפאַדענס דראַמאַטורגישע שאַפונג) און נאָך מער — פון פּראָזע. אין דעם פּראָזע־זשאַנער איז געשאַפן געוואָרן די קלאַסישע טראַדיציע

און עס זײַנען דערצבערט געוואָרן די וויכטיקסטע דערפאָלגן. די ליטע־ראַטור אַף העברעיִש, פאַרקערט, איז געווען דעריקער אַ ליטעראַטור פון דיכטונג, און אין דעם זשאַנער איז געשאַפן געוואָרן די קלאַסישע טראַ־דיציע (פון אַדאָם־האַקויען לעבענזאָן, זײַן זון מיכאַ־יויסעף לעבענזאָן, יעהודע־לייב גאָרדאָן און ביז כאַיִם־נאַכמען ביאַליקן). די ליטעראַטור אַף העברעיִש האָט קימאַט ניט געהאַט קיין פּראָזע, און די פּראָזע (פון יויסעף פּערל, ייִצכאָק ערטער, און אפילע שפּעטער — פון אווראָם מאַפּו, פּערעץ סמאָלענסקי, מאָרדכע־דאָוויד בראַנדשטעטער, רוווּן־אָשער בען יויסעף ברוידעס, ביז מאָרדכע־זעייוו פײַערבערג און דער גאַנצער פּראָזע פונעם סאָף 19־טן און ביזן אָנהייב פונעם 20־טן יאָרהונדערט), האַגאַם זי האָט אָפּגעשפּילט אַ באַדײַטנדיקע ראָליע אין דער אַנטוויקלונג פונעם רעאַליזם אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, האָט ניט געשאַפן קיין קלאַסישע טראַ־דיציע.

אַזויאַרום האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ מין פּאַראַלעלע צוזאַמענאַרבעט און צוזאַמענשאַפונג אין דער אַנטוויקלונג פון סטילן אין ביידע ייִדישע ליטעראַטורן — אַף העברעיִש און אַף ייִדיש. דאָס איז געווען, וואָלט איך געזאָגט, אין אַ באַשטימטער מאָס, אַ באַוווּסטזיניקע צוזאַמענאַרבעט און צוזאַמענשאַפונג, ווײַל די שעפער האָבן געקענט סײַ ייִדיש, סײַ העברעיִש, זיי זײַנען געווען גוט באַהאַוונט אין ביידע שפּראַכן פון דער לי־טעראַטור.

איך וויל דערמיט ניט אָפּוואַרפן דאָס, וואָס איז געזאָגט געוואָרן אין די אַרבעטן פון פאַרשיידענע פאָרשער וועגן דעם, אַז די ייִדישע ליטעראַ־טור אַף ייִדיש איז געווען נעענטער צו די ברייטע ייִדישע פאָלקסמאַסן, איידער די ליטעראַטור אַף העברעיִש. ייִדיש איז דאָך געווען די גערעדטע שפּראַך אין סאַמע ברייטסטן געברויך (אין שטוב, אין קלייט, אין מאַרק, באַם וואַרשטאַט פונעם באַלמעלאָכע אאַ.). מע דאַרף אָבער אויך ניט פאַר־געסן, אַז העברעיִש, האַגאַם זי איז ניט געווען די גערעדטע שפּראַך, איז אָבער אויך ניט געווען קיין טויטע שפּראַך. אין פאַרלויף פון לאַנגע יאָר־הונדערטער האָט די סיסטעם פון בילדונג און דערציִונג בא ייִדן אין אַלע לענדער ביז דעם 20־טן יאָרהונדערט זיך אַנטוויקלט אַף העברעיִש. דאָס איז געווען ניט בלויז רעליגיִעזע דערציִונג, נאָר אויך וועלטלעכע. אין די שולן, באָטעמעדראָשים, יעשיוועס, כאַדאָרים האָט מען די קינדער גע־לערנט ניט בלויז רעליגיִעזע טפילעס, נאָר דעריקער — טאַנאַך, טאַלמוד,

מישנע, אגאָדע. און דאָס איז דאָך שוין אין אַ באַדײַטנדיקער מאָס געשיכטע, מיטאָלאָגיע, פאָלקלאָר און ליטעראַריש־קינסטלערישע שאפונג.

ס'איז קיין וווּנדער ניט דעריבער, וואָס אין דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור האָט זיך אײַנגעשטעלט אַזאַ מין שעפערישע סטילן־צעטיילונג: אין דער העברעיִשער ליטעראַטור — דער קלאַסיציזם און ראָמאַנטיזם, אין דער ייִדישער ליטעראַטור — דער רעאַליזם. דאָס האָט אַנטשפּרעכט דער רעאַלער לאַגע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג און דעם צושטאַנד פון דער קולטור סײַ אויף ייִדיש, סײַ אויף העברעיִש.

דער רעאַליזם אין דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור האָט זיך אַנטוויקלט מיט אַ געוויסער פאַרשפּעטיקונג אין פאַרגלײַך מיט דער מיזרח־אייראָפּעיִשער און רוסישער ליטעראַטור, אויף וויפל ייִדיש איז געווען היבטערשטעליק אין פאַרגלײַך מיט דער רוסישער שפּראַך און מיט די אַנטוויקלטע שפּראַכן פון די מיזרח־אייראָפּעיִשע פעלקער. דער ערשטער פּעריאָד פון רעאַליזם אין דער ייִדישער ליטעראַטור פון 19־טן יאָרהונדערט איז דער אויפקלערערישער רעאַליזם, אָדער דער האַסקאָלע־רעאַליזם. דער דאָזיקער פּעריאָד שפּרייט זיך אויס אין אַ צײַט־אָפּשניט פון אַ זיבן־אַכט צענדליק יאָרן, פון סאָף 18־טן יאָרהונדערט ביז דער מיט פונעם 19־טן יאָרהונדערט. דער אויפקלערערישער רעאַליזם איז אין דער ייִדישער ליטעראַטור ניט בלויז די האַסקאָלע־ליטעראַטור, נאָר אויך דער נאַיִווער רעאַליזם, די פאָלקס־שאפונג, דער מינדלעכער און שריפטלעכער פאָלקלאָר, די אַנאָנימע שאפונגען און קסאַוויאַדן, וועלכע האָבן געזען די שײַן שפּעטער מיט צענדליקער יאָרן, ווען זייערע אַוטאָרן זײַנען שוין ניט געווען (די אַנאָנימע „געגאַרטע וועלט”, דער ייִדישער וואַריאַנט פון יוסף פּערלס „מעגאַלע טמירין”, אַ ריי עטינגערס ווערק, די מערהײַט שאפונגען ייִסראָעל אַקסענפעלדס, אַפילו „די העפקער־וועלט” פון ייִצחאָק־בער לעווינזאָן און אַנד.).

דער ערשטער עטאַפּ פונעם רעאַליזם אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַנטשפּרעכט דעם אָנהייב פון דער נײַער ליטעראַטור אינגאַנצן גענומען. אויף דעם עטאַפּ איז דער רעאַליזם נאָך ניט געווען רײַף אַזוי, אַז ער זאָל קאָנען געבן אַ פאַנאַנדערגעוויקלטן סאָציאַלן אַנאַליז פונעם ייִדישן לעבן און שאַפן, פאַראַלגעמיינערטע טיפּן און געשטאַלטן. ס'איז ניט צופעליק, וואָס עס איז ניט פאַרבליבן פון יענער ליטעראַטור קיין באַדײַטנדיקער

טיף, אויסער עטינגערס סערקעלע. דער אופקלערערישער רעאַליזם איז נאָך געווען שוואַך פאַרבונדן מיטן לעבן פונעם פאָלק; די ליטעראַרישע שפּראַך פונעם פאָלק, פון דער פאָלקס־שאַפונג איז נאָך ניט טראַנספאָר־מירט און דערהויבן געוואָרן צו דער מאַדרייגע פון הויכער ליטעראַרישער קונסט־שאַפונג, ווי מיר זעען דאָס אין דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

מיט מענדעלעס שאַפן הייבט זיך אָן דער פּעריאָד פון דעם קריטישן רעאַליזם אין דער ייִדישער ליטעראַטור, ווען עס ווערט געשאַפן דער אָנהייב פון דער קלאַסישער טראַדיציע. מענדעלע האָט, ווי באַוווּסט, אָנגע־הויבן שאַפן אויף העברעיִש, אָבער ער איז גיך אַריבער צו ייִדיש. אַלס רעאַליסט, האָט מענדעלע ניט געהאַט קיין טראַדיציע אין דער העברעיִשער ליטעראַטור ביז אים, ווײַל זי איז, ערשטנס, ווי ס׳איז שוין געזאָגט, געווען אַ ראָמאַנטישע און אַ קלאַסיציסטישע, און, צווייטנס, איז זי ביז מענדע־לען געווען דעריקער אַ ליטעראַטור פון דיכטונג. אין זײַן ערשטער זאַמ־לונג „משפּט שלום" (1860) האָט מענדעלע געפּרוּווט שאַפן העברעיִשע לידער. ער האָט אָבער זייער גיך זיך איבערצײַגט, אַז אויסער האַסקאָלע־מעליצע וועט ער דאָ גאָרנישט דערגרייכן אין פאַרגלײַך מיט די העברעיִ־שע דיכטער ביז אים. נאָך מער האָט ער זיך איבערצײַגט, אַז אין דער העברעיִשער ליטעראַטור האָט ער ניט קיין רעאַליסטישע טראַדיציע, ווען ער האָט גענומען שאַפן זײַן ראָמאַן „למדו היטב" (1862, אין דער שפּע־טערדיקער איבעראַרבעטונג פון 1868 — „האבות והבנים"). אויב די הע־ברעיִשע דיכטונג האָט געהאַט אַ לאַנגדויערנדיקע פּילדויערעסדיקע טראַדי־ציע אין געביט פון בילד און וואָרט, פון אידיי און באַגריף, פון הויכער קינסטלערישער ראַפינירטקײַט, האָט די פּראָזע דאָס ניט געהאַט. מענדעלע האָט אין זײַן ראָמאַן געמאַכט אַ פּרווו צו געבן רעאַליסטישע בילדער פו־נעם ייִדישן לעבן. ער איז אין טאָך דער ערשטער רעאַליסט אין דער הע־ברעיִשער ליטעראַטור. די היסטאָריקער פון דער העברעיִשער און ייִדישער ליטעראַטור (מ. ווינער, מ. ווײַנרײַך, ז. רייזען, י. קלויזנער, פּ. לאַכאָווער אַא.) אַנערקענען מענדעלעס גרויסע פאַרדינסטן אין דער אַנטוויקלונג פון דער העברעיִשער ליטעראַרישער שפּראַך. אָבער דאָס איז פאַר אים געווען ווייניק. ער האָט געדאַרפט האָבן אַ רעאַליסטישע טראַדיציע. אַזאַ טראַ־דיציע האָט ער געקענט געפינען און האָט געפונען אין דער ליטעראַטור אויף ייִדיש.

דער רעאַליזם פון דער יידישער ליטעראַטור ביז מענדעלען האָט גע־טראָגן אַן אופקלערערישן, דאָס הייסט אַ בורזשואַזן כאַראַקטער. די מאַס־קילים זיינען געווען איינזאַם אין זייער קאַמף פאַר נייע פאָרמעס פון לעבן, זיי זיינען ניט געווען פאַרבונדן מיט די פאָלקסמאַסן. זייערע ווערק און זייער ליטעראַרישע שאַפונג זיינען דערגאַנגען צום לייענער מיט גרויסע שוועריקייטן.

מענדעלע איז געווען אַ נייער טיפּ אופקלערער, וועלכער איז געווען דורכגעדרונגען ניט מיט פּשאָרעדיקע ליבעראַלע אידייען פונעם אופקלע־רערישן רעאַליזם ביז אים, נאָר מיט די נייע פּראָגרעסיווע אידייען פון דער רוסישער רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראַטיע. דאָס איז צו זען פון זיין בראָשור „עין משפט" און נאָך מער פון זיינע קינסטלערישע ווערק, אָבער שוין ניט אין העברעיש, נאָר אין יידיש. די דאָזיקע פראַגע איז אין דער פאָרשונג שוין גענוג אויסגעקלאָרט, און איך וועל דאָ אויף איר זיך מער ניט אָפּשטעלן.

מענדעלע איז געווען דער ערשטער קריטישער רעאַליסט, וועלכער האָט געשאַפן טיפּן פונעם יידישן לעבן: בינימין, סענדערל, ייצחאָק־אַווראָם טאַקיף, רעב אַלטער, פישקע, הערשעלע און דער טיפּ פון אַ פאָלקס־שרייבער מענדעלע מוכר־ספרים.

מענדעלע האָט אויך אויסגעפילט דעם צווייטן געבאָט פונעם קריטישן רעאַליזם — ער האָט געגעבן אין זיינע ווערק דעם סאָציאַלן אַנאַליז, אופגעדעקט די סאָציאַלע ווידערשפּרוכן און דעם סאָציאַלן קאַמף אין דער יידישער סוויווע. ניט בלויז אין זיינע ווערק איז אויסגעדריקט דער פלע־בעיִשער קעמפערישער טעמפּעראַמענט, נאָר אויך אין די בריוו. ס'איז קעדיי נאָכאַמאָל דערמאָנען זיין באַוווּסטן בריוו, אין וועלכן מיר טרעפן אַזעלכע ווערטער פון פּלאַמיקן צאָרן און פּראָטעסט קעגן אונטערדריקער און סאָציאַלן אומרעכט: „ס'טרעפן זיך באַ מיר ציטן, וואָס דעמלט בין איך דערצאָרנט מיט אַ גרויסן גרימצאָרן קעגן די גווירים, וואָס באַהאַלטן זיך אונטערן שאָטן פון געלט, און דעמלט טאָר מען פאַר מיר ניט דער־מאָנען דעם נאָמען פון אַן אוישער, — מיין זעל ווערט צעפּלאַמט, ווי אַ ווולקאַן, און איך שפּיי מיט זידלערייען און מיט פלאַמפּייער פון גרימצאָרן און איך שריי: „גוואַלד, מע ראַבעוועט!"[1].

[1] זע מינסקער „צייטשריפט", ב. 5, ז. 15.

אזעלכע צאָרנדיקע ארויסטרעטונגען קעגן גווירים זײַנען א זעלטענע דערשײַנונג ניט בלויז אין דער ייִדישער ליטעראטור, נאָר אויך אין דער רוסישער, אפילע בא די סאמע ראדיקאלע און רעוואָליוציאָנערע שרײַבער.

מענדעלעס רעאליזם איז אָבער נאָך גענג געווען ענג פארבונדן מיטן פריער־דיקן עטאפ אין דער אנטוויקלונג פונעם רעאליזם אין דער ייִדישער לי־טעראטור, מיטן רעאליזם פון דער האסקאָלע. דער סאָציאַלער אנאליז אין זײַנע סאטירישע ווערק איז א ביז גאָר טיפער, אן אנטשיידענער, א דע־מאסקירנדיקער; זײַנע טיפן זײַנען פון גרויסער קינסטלערישער פאראלגע־מיינערונג; אָבער אין דער זעלבער צײַט איז דער סאָציאַלער אנאליז אין זײַנע ווערק, ווי אויך דער קינסטלערישער אנאליז, ניט דערפירט ביז אוניווערסאלקײַט, ביז אלזײַטיקער אנטפלעקונג. מענדעלעס קינסטלערישע וויזיע איז קאָנצענטרירט בלויז אף דעם מעגושעמדיקן, אף דער „ייִדישער טאָרבע". דעריבער זײַנען אויך זײַנע טיפן, האגאם מיר זעען אין זיי סימבאָלישע פאראלגעמיינערונגען פון א גרויסער קראפט, ניט אינדיווי־דואליזירט אין דער מאָס, וואָס איז כאראקטעריסטיש פאר די בעסטע דערגרייכונגען פונעם קריטישן רעאליזם. אין דער פארבינדונג מיט דער ווירקלעכקײַט איז געווען מענדעלעס קויעך, אין דעם איז זײַן היסטאָרישע באדײַטונג אויך איצט. ער האָט צוגעגרייט דעם רעאליזם פון דער ייִדי־שער ליטעראטור צו דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג אין דריטן עטאפ — אין עטאפ פון פערעצן און שאָלעם־אלייכעמען[1].

שאָלעם־אלייכעמס רעאליזם איז געווען אינגאנצן נײַ אין פארגלײַך מיט מענדעלעס, אָבער איינצײַטיק דערמיט — פולשטענדיק אָרגאניש פאר־בונדן מיט אים. אין דער רוסישער ליטעראטור האָט מען א לאנגע צײַט גערעדט וועגן צוויי ליניעס — א פושקינישע און א גאָגאָלישע. איך שטעל זיך דאָ ניט אָפּ אף דער פּאָלעמיק וועגן אָט די צוויי ליניעס. עס איז איצט שוין קלאָר, אז עס איז געווען איין ליניע פון קריטישן רעאליזם, וואָס הייבט זיך אָן פון פושקינען, אנטוויקלט זיך ווײַטער אין פארלויף פונעם 19־טן יאָרהונדערט אין גאָגאָלס, טורגעניעווס, ל. נ. טאָלסטאָיס, דאָסטאָיעווסקיס, טשעכאָווס שאפונג — ביז גאָרקין.

[1] ווײַטער וועל איך ריידן בלויז וועגן שאָלעם־אלייכעמס רעאליזם, וועגן פּע־רעצן וועט גיין א רייד אין דער אָפּהאנדלונג וועגן ראָמאנטיזם.

שאָלעם־אַלייכעמס רעאַליזם איז געווען אַ ווײַטערדיקע, העכערע שטו־פע אין דער אַנטוויקלונג פונעם רעאַליזם אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

מענדעלעס ביניאָמין האשלישי, סענדערל די ייִדענע, רעב אַלטער, די קליאַטשע האָבן ניט קיין אינדיווידועלן גורל. ביניאָמין האשלישי „לעבט ניט", נאָר ער מאַכט אַ נעסיִע צו די רויטע ייִדעלעך אין די האָרע־כּוישעך פון יענער זײַט סאַמבאַטיען, דאָס הייסט אין ערגעץ ניט. עס קו־מען פאָר מיט אים אַלערליי מעשונעדיקע געשעענישן, וואָס האָבן קיין שײַכעס ניט צו דעם רעאַלן לעבן, אָבער אין טאָך קומט מיט אים גאָרנישט ניט פאָר. די „קליאַטשע" איז אַן אַלעגאָריע פון דער קנעסעט־ייִסראָעל. אַפילע „פישקע דער קרומער", וואָס שילדערט דאָס לעבן און דעם גורל פון אינדיווידואַליזירטע מענטשלעכע געשטאַלטן, איז אויך אַ מין סימבאָל פון דער ייִדישער טאַרבע. די מענטשלעכע טיפּן בײַ מענדעלען זײַנען סימ־באָלן, ווי ס'זײַנען סימבאָלן גלופּסק און קאַפּצאַנסק.

שאָלעם־אַלייכעם איז געגאַנגען מיט מענדעלעס וועג, ווען ער האָט געשאַפן די סימבאָלישע פּאַראַלגעמיינערונגען פון מאַזעפּעווקע, קאַסרי־לעווקע, יעהופּעץ. ער האָט אָבער דערויף זיך ניט אָפּגעשטעלט און איז אַוועק ווײַטער, שאַפנדיק אינדיווידואַליזירטע טיפּן און געשטאַלטן פון קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האַסאָגעס, פון „קליינע" גרויסע מענטשן, פאָלקס־טיפּן, אַזעלכע, ווי טעוויע דער מילכיקער, מאָטל, דער פּאַרקישעפּ־טער שנײַדער, דער טאַלאַנטירטער פאָלקס־קינסטלער און פאָלקס־שעפער. ער האָט אויך געשאַפן אינדיווידואַליזירטע געשטאַלטן פון דעם גוויר דעם אונטערדריקער, געשטאַלטן פון רעוואָליוציאָנערע קעמפער. שאָלעם־אַליי־כעם דער רעאַליסט האָט אין זײַנע ווערק אַרויסגעפירט די האַנדלונג אויסער די גרענעצן פון גלופּסק און קאַפּצאַנסק און זי אַריבערגעטראָגן ניט הינטער די האָרע־כּוישעך פון יענער זײַט סאַמבאַטיען, נאָר קיין אָדעס, קיין קיִעוו, קיין פּעטערבורג, קיין שווייצאַריע, קיין פּאַריזש, קיין וויןָ, קיין איטאַליע, קיין בערלין, קיין לאָנדאָן, קיין בוענאָס־אײַרעס, קיין ניו־יאָרק, קיין קאַנאַדע — איבער אַלע ברייטן און לענגען פון דער פּלאַ־נעטע. מיט שאָלעם־אַלייכעמס רעאַליזם האָט די ייִדישע ליטעראַטור באַ־קומען איר אַלמענטשלעכן, איר אַלוועלטלעכן כאַראַקטער און איז אַנער־קענט געוואָרן אַלס באַשטאַנדטייל פון דער פּראָגרעסיווער רעאַליסטישער ליטעראַטור פון דער וועלט.

ניט בלויז אלס שעפער איז שאָלעם־אַלייכעם געווען דער באַדײַטנדיק־סטער רעאַליסט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, נאָר אויך אַלס דענקער און טעאָרעטיקער. ער האָט דער ערשטער באַגרינדעט די טעאָריע פון רעאַליסטישער שאַפונג אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין „שאָמערס מיש־פּעט", „דער דאַלעס אין די ווערק פון אונדזערע בעסטע פאָלקס־שריפט־שטעלער", „אַ בריוו צו אַ גוטנפרײַנט". ער איז פאַקטיש דער אָנהייבער פון דער ייִדישער דעמאָקראַטישער רעאַליסטישער קריטיק אף ייִדיש.

אין דער בראָשור „שאָמערס מישפּעט" האָט שאָלעם־אַלייכעם גע־שריבן:

„אַלץ, וואָס ריכטיק איז, איז גוט, איז רעאַלנע, און דאָס פאָדערט די עסטעטיק, די פּאָעזיע, די קונסט. אַזוי דאַרף מען שרײַבן און באַשרײַבן, אַזוי איז מעכוייעוו יעדער בעלעטריסט געבן אין זײַן ראָמאַן נאָר דאָס, וואָס מעגלעך איז, וואָס אין לעבן געפינט זיך, וואָס עס קאָן זיך געפי־נען"[1].

מע דאַרף זיך אַריבערטראָגן אין די 80־ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָר־הונדערט, ווען די ייִדישע ליטעראַטור איז נאָך געווען ביז גאָר הינטער־שטעליק, ווען קיין קריטיק אף ייִדיש איז ניט געווען, ווען עס האָט גע־בליט די כאַלטורע פון שאָמערן און זײַנע נאָכפאָלגער, געשטיצט פון אַזעלכע בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישע „רעדאַקטאָרן", ווי לעווי, קעדיי צו פאַרשטיין די באַדײַטונג פון אָט דער פּראָגראַם־דעקלאַראַציע פונעם רעאַליזם. ביז הײַנטיקן טאָג קאָנען די ליטעראַטור־פאָרשער אין אויסלאַנד (שלוימע ביקל, דאַן מיראַן) ניט מויכל זײַן שאָלעם־אַלייכעמען זײַן קאַמף פאַר רעאַליזם אין דער ייִדישער ליטעראַטור, און זיי פּרוּוון זיך גאַל־וואַניזירן שאָמערן. יאַנקעוו גלאַטשטיין האָט אפילע דערקלערט שאָמערן... פאַרן ערשטן ייִדישן מאָדערניסט! און שלוימע ביקל און דאַוו סאַדאַן סאָ־לידאַריזירן זיך מיט אים. ווי דען אַנדערש? אויב שאָמער איז ניט געווען קיין רעאַליסט, איז ער שוין אוואַדע געווען אַ מאָדערניסט!

שאָלעם־אַלייכעם האָט אין סאָף פון די 80־ער יאָרן געשאַפן די טעאָריע פונעם רעאַליסטישן ראָמאַן. די דאָזיקע טעאָריע באַזירט זיך אף

---

[1] שאָלעם־אַלייכעם. שאָמערס מישפּעט. בערדיטשעוו, 1888, ז. 85.

דרײַ עסטעטישע פּרינציפּן פון דעם רעאַליזם: אױף נאַציאָנאַלער אײגנאַרטיקײַט און קריטישן אַנאַליז פון דער סאָציאַלער װירקלעכקײַט; אױף פאָלקסטימלעכקײַט און קינסטלערישער פאַרקערפּערונג פון פאָלקס־טאַלאַנטירטקײַט, אױף שאַפן טיפּן און געשטאַלטן פון פאָלקס־קינסטלער און װײַזן זײער טראַגישן גורל אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט; און, לעצטנס, אױף פאַרטיפטער, פאַנאַנדערגעװיקלטער שילדערונג פון דער פּסיכאָלאָגיע פון די כאַראַקטערן. באַזונדערס װערטפול זײַנען שאָלעם־אַלײכעמס געבאָטן אין געביט פון שילדערן טיפּן און געשטאַלטן.

שאָלעם־אַלײכעם איז געװען אַ קעמפער פאַר רעאַליזם פונעם אָנהײב פון זײַן שאַפן און ביז דעם לעצטן אָטעם פון זײַן לעבן. ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש איז זײַנער אַ בריװ צו יוסף אָפּאַטאָשו דעם 27 אַפּרעל 1915, אַ יאָר פאַרן טויט:

„מײַן ליבער אָפּאַטאָשו!

איך דאַנק אײַך פאַר די צװײ ביכער, װאָס איר האָט מיר צוגעשיקט און דערמיט צוגעשטעלט מיר אַ גרױסן פאַרגעניגן. איר האָט מיר געהאַט אָנגעװיזן אױפן ראָמאַן פון אַ פערד־גאַנעװ און קימאַט פאַרשװיגן דאָס ניו־יאָרקער געטאָ. דאָס באַװײַזט, אַז װיפל דער מעכאַבער איז אַ שלעכטער מײװין אױף זײַנע אײגענע װערק. מע קאָן ניט זאָגן, אַז דער פערד־גאַנעװ זאָל זײַן שלעכט. איך האָב מוירע, אַז שלעכט שרײַבן זײַט איר ניט פײַיִק. איך דאַרף אײַך נאָר זאָגן נאָכאַמאָל דאָס, װאָס כ׳האָב אײַך שױן געזאָגט באַ מיר אין שטוב: שרײַבט פונעם אַמעריקאַנער ייִדנטום. מאָלט בילדער פונעם ניו־יאָרקער געטאָ — דאָס איז אײַער זשאַנער. דאָ װעט איר זײַן גרױס״.

„איר קענט אונדזער געטאָ אין דעם דאָזיקן געהענעם, װאָס מע רופט אים ניו־יאָרק. גאָט האָט אײַך געשענקט אַ טאַלאַנט, און ניט קײן געװײנלעכן טאַלאַנט. זעט צעװאַרפט זיך ניט מיט אים אױף אַלע זײַטן. טוט אײַער זאַך. און אײַער זאַך איז מאָלן בילדער פונעם ניו־יאָרקער געטאָ. פונעם אַמעריקאַנער ייִדנטום. איר װעט רײַך מאַכן אונדזער ליטעראַטור מיט אַ נײַ קאַפּיטל און װעט זיך קוינע־שעם זײַן דערמיט אױך באַ די אומעס־האָױלאָם. איך בין בעעמעס גליקלעך, װאָס אונדזער ליטעראַטור האָט

ארויסגעגעבן אזא פּיירע, ווי איר, דאָ, אויף דעם שטיינערנעם אמעריקאַנישן באָדן.
איַיער שאָלעם־אַלייכעם״[1].

אונדז אינטערעסירן אין דעם פאַל שאָלעם־אַלייכעמס טיפע און טרעפ־לעכע באמערקונגען וועגן אָפּאַטאָשוס רעאַליזם. דער גרויסער פאָלקס־שרײַבער וויל ריכטן דעם יונגן אָפּאַטאָשו אָפּן וועג פון רעאַליזם. שאָלעם־אַלייכעם האָט פאָרויסגעזען דעם ווײַטערדיקן גורל אָפּאַטאָשוס, וועלכער איז, ווי באַוווּסט, טאַקע געוואָרן אַ מעכטיקער זײַל פונעם רעאַליזם אינעם נאָכקלאַסישן פּעריאָד פון דער יידישער ליטעראַטור אין 20־טן יאָרהונ־דערט.

שמועל ניגער איז געווען גערעכט, ווען ער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז אָפּאַטאָשו איז גרויס און עכט, ווען ער מאָלט אַזעלכע, ווי זײַנוול אין „ראָמאַן פון אַ פערד־גאַנעוו״, מענטשן מיט ערדישע טײַוועס און לײַדנ־שאַפטן; דער קינסטלער ווערט אָבער באַדײַטנדיק אָן אין דער שילדע־רונגס־קראַפט, ווען ער הייבט אָן מאָלן געשטאַלטן פון איידעלע, גײַסטיקע, אידעאַלע מענטשן, וועלכע זײַנען ווייניק פאַרבונדן מיט דער רעאַלער ווירקלעכקײַט. די דעקאַדענטישע און מאָדערניסטישע קריטיק, פאַרקערט, הייבט ארויס אין אָפּאַטאָשוס שאַפן גראָד דאָס ראָמאַנטישע. שלוימע ביקל, לעמאָשל, שרײַבט:

„פּונקט ווי בײַ פּערעצן, אַזוי מוז מען אויך בײַ אָפּאַטאָשון אין זינען האָבן ניט צו מישפּעטן זײַן ווערק בלויז אויפן סמאַך פון יענע אײַנגעגע־בענע רעאַליסטיש־נאַטוראַליסטישע געשטאַלטן, נאָר דער אורטייל וועגן אָפּאַטאָשון דעם שרײַבער מוז דאַפקע נעמען אין אַכט יענע מאַכנע פון נאַציאָנאַל־ראָמאַנטישע גייערס און קעמפערס, וואָס אָפּאַטאָשו האָט אין זײַנע ראָמאַנען און דערציילונגען פון ווײַטער און נאָענטער היסטאָריע אײַנגעשפּאַנט אין יאָך פון אַן אידיישער שליכעס, פון דער אידיי פון אונדזער פאָלקס־קיִעם איבער דוירעס״[2].

אַ וויכטיקער שעפער פון רעאַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור

---

[1] שאָלעם־אַלייכעם. ארויסגעוויילטע בריוו. „דער עמעס״, מאָסקווע, 1941, זז. 273 — 274.

[2] שלוימע ביקל. שרײַבער פון מײַן דאָר. צווייטער באַנד. פאַרלאַג י.־ל. פּערעץ. טעל־אוויוו, 1965, ז. 315.

פונעם 20־טן יאָרהונדערט איז געווען אוראָם רייזען. אַלס דיכטער און פּראָזאיִקער, איז ער געווען אַ רעאַליסט און אַ דעמאָקראַט. ער האָט ניט געשאַפן קיין אינדיווידואַליזירטע טיפּן און געשטאַלטן, און אין דעם באַשטייט די באַגרענעצטקייט פון זיין רעאַליסטישער קונסט. ער האָט אָבער מיט גרויס ליבע און פאַרשטאַנד געמאָלט די אָרעמע און פאַרשטויסענע פאָלקסמאַסן. אין זיינע לידער און נאָוועלן האָט ער אויסגעדריקט די שטימונגען און די פּסיכאָלאָגיע פון די יידישע האַרעפּאַשניקעס און זייער פּראָטעסט קעגן סאָציאַלער אונטערדריקונג אין 20־טן יאָרהונדערט. אין זיינע מייסטערישע נאָוועלן דערהייבט זיך רייזען ביז עכטן הומאָר פון אַ קלאַסישן מייסטער.

דער באַדייטנדיקסטער רעאַליסט אין דער יידישער ליטעראַטור פון 20־טן יאָרהונדערט נאָך שאָלעם־אַליכעמען איז דאָוויד בערגעלסאָן. ס'איז געווען אַ צייט, ווען די קריטיק איז געניייגט געווען צו באַטראַכטן בערגעלסאָנס סטיל ביז דער רעוואָליוציע אַלס אימפּרעסיאָניסטישן. אָף דעם איז פאַראַן אַ געוויסער סמאַך. אוואַדע איז בערגעלסאָן אַ גרויסער מייסטער פון פּסיכאָלאָגישער שילדערונג און פון דעטאַלן־מאָלעריי. און דאָס זיינען דאָך וויכטיקע אייגנשאַפטן פונעם אימפּרעסיאָניסטישן סטיל. בערגעלסאָן איז אויך דער מייסטער פון קאָלאָריט און ליכט־עפעקטן. און דאָס איז טאַקע דער גאַנצער טאָך פונעם אימפּרעסיאָניזם. די פראַנצויזישע אימפּרעסיאָניסטן האָבן גאַנץ געטרוי דערקלערט, אַז דער הויפּט־העלד פון זייערע ווערק איז די שיין און די ליכט־עפעקטן.

אָבער אין טאָך איז דער אימפּרעסיאָניזם אַ מין ניואַנס פונעם רעאַליזם. נאָכעם אויסלענדער האָט טרעפלעך באַמערקט, אַז שאָלעם־אַליכעמס רעאַליזם איז די העכסטע שטופע פונעם רעאַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור דערמיט, וואָס ער איז באַרייכערט מיט די דערגרייכונגען פונעם אימפּרעסיאָניזם. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן בערגעלסאָנען. ער איז געווען אַ גרויסער רעאַליסט, וועלכער האָט באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור מיט די דערגרייכונגען פון דעם אימפּרעסיאָניזם.

און דאָס האָט אַ שייכעס ניט בלויז צו דער יידישער, נאָר אויך צו דער רוסישער און צו דער מיירעוו־אייראָפּעיִשער ליטעראַטור. ס'איז באַוווסט, אַז טשעכאָווס רעאַליזם איז ענג פאַרבונדן מיטן אימפּרעסיאָניזם. פּלעכאַנאָוו האָט אין זיין באַוווסטער אַרבעט „די קונסט און דאָס געזעל־

שאפטלעכע לעבן" געשריבן: „אײניקע פראנצויזישע קריטיקער האָבן פארגלײַכט דעם אימפּרעסיאָניזם מיטן רעאליזם אין דער קינסטלערישער ליטעראטור. און אָט די פארגלײַכונג האָט אונטער זיך א גרונט"[1]. באזונדערס האָט דאָס א שײַכעס צו בערגעלסאָנען, ווײַל בא אים איז דער הויפּט־העלד ניט דער ליכט־עפעקט, נאָר דער לעבעדיקער מענטש און זײַן פּסיכאָלאָגיע. בערגעלסאָן האָט אין זײַנע ווערק נאָך ביז דער רעוואָליוציע געגעבן א ניט־איבערגעשטײַגטן אין דער ייִדישער ליטעראטור קינסטלערישן אנאליז פון דער סאָציאַלער ווירקלעכקײַט און האָט געשאַפן אינדיווידואליזירטע טיפּן און געשטאלטן פון מענטשן, דאָס הײסט, ער האָט געשריבן לויט די גרונט־געבאָטן פונעם קריטישן רעאליזם. דערפאר איז בערגעלסאָנס ווירקונג ביזן הײַנטיקן טאָג אזוי שטארק אין דער סאָוועטישער ייִדישער פּראָזע און אין דער ייִדישער פּראָזע אין אויסלאנד, בײס אָפּאטאָשוס ווירקונג איז א שוואכערע.

דער שעפערישער מעטאָד און דער קינסטלערישער סטיל זײַנען ניט קײן אבסטראקט־„רײנע" דערשײַנונגען. דער רעאליזם קאָן זיך אנטפלעקן אינאײנעם מיט בוילעטע ראָמאנטישע שטריכן און אײגנשאפטן. אין מענדעלס און אין שאָלעם־אלײכעמס ווערק איז ניט שווער צו טרעפן ראָמאנטישע שילדערונגען. וועגן דעם ראָמאן „סטעמפעניו" האָט שאָלעם־אלײכעם געשריבן שימען דובנאָוון אין 1889: „דאָס איז מײַן ערשטער פרווו צו שאפן עפּעס הערלעכס אין געביט פון פאנטאזיע אף א ייִדישן פאָלקסטימלעכן באָדן"[2].

פערעץ איז לויט זײַן שעפערישן מעטאָד געווען, ווי ער האָט אלײן זיך אויסגעדריקט, „א פארפאלענער ראָמאנטיקער"[3]. ער איז אָבער אײנציִיק אויך דער מעכאבער פון קלאסישע רעאליסטישע נאָוועלן אין דער ייִדישער ליטעראטור. אויך שאָלעם אש איז לויט זײַן שעפערישן מעטאָד געווען א ראָמאנטיקער, און באנאנד דערמיט האָט ער אויך געשאפן באדײַטנדיקע רעאליסטישע ראָמאנען, דערצײלונגען און נאָוועלן.

אָבער אפילע דער רעאליזם גופע איז אויך ניט אײנהײַטלעך. איך האָב שוין פריִער דערמאָנט וועגן אימפּרעסיאָניזם אלס אײגנארטיקע דער־

---

[1] Г. В. Плеханов. Избранные философские произведения в пяти томах. М., 1958, т. V, стр. 735.

[2] «Еврейская старина», 1916, стр. 39.

[3] י.־ל. פ ע ר ע ץ. אופזאצן און פעליעטאָנען, ז. 22.

שײַנונג פונעם רעאַליזם. נאָך מער נאָענט צום רעאַליזם איז דער נאַטוראַליזם, וועלכער האַלט זיך אין גרונט בײַ די זעלבע אידײיִשע, עסטעטישע, פילאָסאָפישע און שעפערישע פּרינציפּן. דער גרונטלייגער פונעם פראַנצויזישן נאַטוראַליזם עמיל זאָליאַ איז ביז הײַנטיקן טאָג אײנער פון די גרעסטע פאָרשטייער פונעם קריטישן רעאַליזם, וועלכער האָט געגעבן אין זײַן סעריע „רוגאָן־מאַקאַרן" אַ קינסטלערישע בילד וועגן אַ גאַנצער היסטאָרישער עפּאָכע אין לעבן פון פראַנקרײַך. זעלבסטפאַרשטענדלעך, דער נאַטוראַליזם קאָן ניט אַרײַנדרינגען אַזוי טיף אין טאָך פון דער דערשײַנונג, ווי דער רעאַליזם. אין אַ רײ פאַלן באַגרענעצט זיך דער נאַטוראַליזם דערמיט, וואָס ער ווײַזט בלויז דעם אויבערפלאַך פונעם לעבן. אָבער פאָרט מאָלט ער די אָביעקטיווע רעאַלע ווירקלעכקײַט.

אין דער ייִדישער ליטעראַטור זײַנען די מער אָנגעזעענע פאָרשטייער פונעם נאַטוראַליזם געווען אי.־מ. ווײַסנבערג, אויזער וואַרשאַווסקי, ש. האָראָנטשיק, וועלכע זײַנען אין טאָך באַדײַטנדיקע רעאַליסטישע פּראָזע־מײַסטערס.

די ייִדישע דיכטונג אין 19־טן יאָרהונדערט איז געווען הינטערשטעליק אין פאַרגלײַך מיט דער פּראָזע. די דיכטונג פון דער האַסקאָלע (עטינגער, גאָטלאָבער) איז אין טאָך נאָך ניט געווען קיין קונסט־שאַפונג, נאָר גיכער געגראַמטע פּראָפּאַגאַנדע פון אופקלערונג. די דיכטונג פון די בראָדער זינגער איז געווען פאָלקס־שאַפונג, וועלכע האָט זיך נאָך אויך ניט דערהויבן צו עכטער פּאָעזיע. די פאָלקס־דיכטער מיכל גאָרדאָן, עליאָקום צונזער און אַווראָם גאָלדפאַדען האָבן, פאַרשטײט זיך, ווײַטער אַנטוויקלט די ייִדישע דיכטונג, אָבער קײן גרויסע דערגרייכונגען האָבן זיי אין דעם געביט ניט געהאַט.

דערמיט וויל איך ניט זאָגן, אַז די שאַפונג פון די דאָזיקע דיכטער האָט ניט קײן היסטאָרישע באַדײַטונג. די דיכטונג פון די אופקלערער, פון די בראָדער זינגער, פון די פאָלקס־דיכטער האָט געשפּילט אַ באַשטימטע ראָליע און האָט געווירקט אויף דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור. זייערע לידער זײַנען געווען פּאָפּולער און ברייט פאַרשפּרייט בײַ די פאָלקסמאַסן. אָבער אין פאַרגלײַך מיט דער הויכער שטופע פון מײַסטערשאַפט, וועלכע עס האָט דעמלט שוין דערגרייכט די העברעיִשע, די רוסישע און די מײַרעוו־אייראָפּעיִשע דיכטונג, האָט די שאַפונג פון די

פּאָעטן אַף ייִדיש ניט אויסגעהאַלטן דעם פּרווו פון דער צײַט און איז איצט קימאַט שוין פאַרגעסן.

בלויז די שאַפונג פון מ. ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפעלד, דאָוויד עדעלשטאַט, יויסעף באָװשאָװער און אוראָם רייזען אין סאָף 19־טן און אין אָנהייב פונעם 20־טן יאָרהונדערט האָט אופגעהויבן די ייִדישע דיכ־טונג אַף אַזאַ שטופּע, אַז זי האָט זיך שוין לויט דער קינסטלערישער מײַ־סטערשאַפט דערנעענטערט צו דער פּראָזע.

אויב לויט דער פאָרמעלער מײַסטערשאַפט האָט די ייִדישע פּאָעזיע זיך נאָך ניט געקאָנט פאַרגלײַכן מיט די קלאַסיקער פון דער ייִדישער פּראָזע, איז זי לויט איר אידייִשן, היסטאָרישן און סאָציאַלן אינהאַלט אוועק אַ סאַך ווײַטער פון דער פּראָזע.

דער רעאַליזם פון דער ייִדישער רעוואָליוציאָנערער און פּראָלעטאַ־רישער דיכטונג איז אַזוי באַדײַטנדיק, אַז אין דער נײַער עפּאָכע נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט די ייִדישע סאָוועטישע דיכטונג ניט בלויז אינערלעך געפילט די ווירקונג פון ווינטשעווסקין, באָװשאָװערן, ראָזענ־פעלדן, עדעלשטאַטן, רייזענען, די אידייִיש־קינסטלערישע קרוויוועשאַפט צו זייער שאַפן, נאָר זי האָט אָפן און באַוווסטזיניק, מיט שטאָלץ דער־קלערט וועגן דעם.

4. די אַנטוויקלונג פון מעטאָדן און סטילן. ראָמאַנטיזם

דער נײַער דאָר ייִדישע שרײַבער אין די ערשטע צוויי צענדליק יאָר פונעם 20־טן יאָרהונדערט האָט זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון פּערעצעס ראָמאַנטיזם, פונעם ראָמאַנטיזם אין די אַנדערע ליטעראַטורן — רוסישער, מײַרעוו־אייראָפּעיִשער, אַמעריקאַנישער. דאָס באַטײַט אָבער ניט, אַז דער ראָמאַנטיזם האָט ארויסגעשטויסן דעם רעאַליזם. אפילע די ראָמאַנטיקער (אש, אָפּאַטאָשו) זײַנען אויך געווען רעאַליסטן.

פערעץ אליין איז דאָך אויך געווען ניט בלויז א ראָמאנטיקער, נאָר א רעאליסט. און דאָ דארף געזאָגט ווערן: עס וואָלט געווען ניט ריכטיק צו מיינען, אז רעאליזם איז שטענדיק פּראָגרעסיוו און ראָמאנטיזם — קאָנסערוואטיוו. די מארקסיסטישע עסטעטיק און ליטעראטור־וויסנשאפט שטעלן ניט אײַן קיין „אײַזערנע געזעצן", קיין אייביקע קאנאָנען פאר קינסטלערישער שאפונג. די מארקסיסטישע עסטעטיק זאָגט ניט דעם קינסטלער: זײַ א רעאליסט און זײַ ניט קיין ראָמאנטיקער. זי באטראכט די שאפונג אָדער דאָס ווערק פונעם שרײַבער קאָנקרעט אין יעדן געגעבענעם פאל באזונדער, אין פארבינדונג מיט דער ליטערארישער טראדיציע און מיט דער היסטאָרישער און ליטעראטור־היסטאָרישער הײַנטצײַטיקייט, אופקלערנדיק דערבײַ די באדײַטונג פון דער קינסטלערישער דערשײַנונג, איר פּראָגרעסיווקייט אָדער קאָנסערוואטיווקייט, אומאָפּהענגיק דערפון, צי איז זי געשאפן לויטן מעטאָד פון רעאליזם, ראָמאנטיזם אָדער לויט אנדערע מעטאָדן און סטילן.

פערעץ דער ראָמאנטיקער און פערעץ דער רעאליסט איז איינער און דער זעלבער קינסטלער. ס'איז ניטאָ קיין צעדרויבלטער, צעשפּאָלטענער פערעץ, קיין עטלעכע פערעצן. ס'איז ניטאָ קיין פערעץ אלס מער אָנגעזעענער און אלס ווייניקער אָנגעזעענער דענקער. ס'איז דאָ איין פערעץ, א קלאסיקער פון דער ייִדישער ליטעראטור באנאנד מיט מענדעלען און שאָלעם־אליינכעמען.

פערעץ האָט געווירקט און ער ווירקט אויך איצט אף דער ליטעראטור ניט מיט זײַנע „פרײַטיקס" אף ציגליאני, 1, נאָר מיט זײַנע ווערק, מיט זײַנע ראָמאנטישע, סימבאָליסטישע און רעאליסטישע דערציילונגען, לידער, פּאָעמעס, באלאדעס, דראמעס און עסייען.

באזונדערס שטארק איז געווען די ווירקונג פונעם ראָמאנטיזם און פונעם מאָדערניזם אין דער ייִדישער דיכטונג. אין אמעריקע האָט די דאָזיקע ווירקונג זיך געלאָזט שטארק פילן אין דער שאפונג פון די באדײַטנדיקסטע פּאָעטן (אין דער גרופּע „יונגע" און אין דער גרופּע „אין זיך"), אין רוסלאנד — אין איינהאָרנס און סעגאלאָוויטשעס לידער, אין דער דיכטונג פונעם ניסטער.

נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט דער ראָמאנטיזם גאנץ בוילעט זיך אנטפּלעקט אין דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג אין דער שאפונג פון אירע גרעסטע שעפער (אָשער שווארצמאן, דאָוויד האָפשטיין, לייב

קוויטקאָ, פּערעץ מאַרקיש, מוישע קולבאַק, עזראָ פֿינינבערג, שמועל האַל־קין, איזי כאַריק, איציק פֿעפֿער, מוישע כאַשטשעוואַצקי, ליפֿע רעזניק). די זעלבע דערשײַנונג קאָן מען באַמערקן אויך אין דער רוסישער סאָוועטישער דיכטונג (אַלעקסאַנדער בלאָק, וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי, וועלימיר כלעבניקאָוו, ניקאָלײַ טיכאָנאָוו, איליאַ סעלווינסקי, סערגיי יעסענין, עדוּאַרד באַגריצקי, מיכאַיל סוועטלאָוו, וולאַדימיר לוגאָווסקאָי).

זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, דער ראָמאַנטיזם פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור האָט געהאַט אַנדערע פּרינציפּיעלע עסטעטישע און שעפֿערישע יעסוידעס, ווי דער הײַנטצײַטיקער ראָמאַנטיזם אין אויסלאַנד און דער ראָמאַנטיזם ביז דער רעוואָליוציע.

אויך די הײַנטצײַטיקע ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור, באַזונדערס די הײַנטצײַטיקע סאָוועטישע דיכטונג, האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פֿונעם ראָמאַנטיזם אַלס שעפֿערישן מעטאָד, וועלכער שטרעבט צו אַנטפּלעקן ניט בלויז דאָס טאָגטעגלעכע און דאָס געוויינלעכע, דאָס איצטיקע און דאָס אַרומיקע, נאָר אויך דאָס פֿאַרגאַנגענע, דאָס היסטאָרישע, דאָס טרוימערייִשע און פֿאַנטאַסטישע. צו אילוסטרירן אָט דעם געדאַנק וועל איך נעמען אַרן ווערגעליסעס לידער אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 10 פֿונעם 1973 יאָר. דער ראָמאַנטישער ציקל „לידער וועגן דעם גוילעם" שליסט זיך אָן היסטאָריש און פֿילאָסאָפֿיש אין דער מיטלאַלטערלעכער טראַדיציע, אין דער געשיכטע וועגן דעם מאַהאַראַל, ליטעראַריש־קינסטלעריש און פּאָעטיש — אין דער טראַדיציע פֿון ה. לייוויק, און אײַנצײַטיק דערמיט זײַנען די לידער פֿון דעם ציקל פֿילאָסאָפֿיש פֿאַרבונדן מיט דער סאַמע אַקטועלער פּראָבלעמאַטיק פֿון אונדזער הײַנטצײַטיקערווירקלעכקײַט. פֿון דעם ציקל וועל איך דאָ ברענגען בלויז איין ליד „צו אײַך איך רעד".

היי, שפּעטערדיקע גאוינים,
מײַסטערס פֿון עלעקטראָנישע ראָבאָטן!
איך, דער לײמענער גוילעם,
וועל באַ מײַן צײַט זיך אָפּבעטן
און דערגיין צו אײַער צײַט,
ביז צו די לאַבאָראַטאָריעס.
באַגעגענען מיך אָן פֿײַערלעכקײַט
דאָרטן מע וועט, אַ סוואָרע.

פאר מיר פלעגן פאלן קוירים
די שלעגער אין פראָג, ווען איך פלעג
ארויסגיין — א ליימענער גוילעם —
אנטקעגן בויאנעס אָן שרעק.
בא אײַך מע וועט רופן מיך ראָבאָט,
און דרינגען עס וועט דערין:
פון מענטשלעכס קיין סימען כ'האָב ניט,
בין פּאָשעט א מאשין,
געמאכט פון אנטענעס און טרײַבלעך,
מײַן לאָשן — די ליכט פון טאבלאָ,
מע וועט מיך צונויפקלײַבן
און אײַנשליסן אף א שאָ,
איך זאָל פאר דער צײַט דער קארגער
ארויסרעכענען גיך און ריכטיק,
וואָס פון וואָס עס איז שטארקער,
וואָס פון וואָס עס איז וויכטיקער:
טויזנט פערד מיט פלייש און ביינער,
צי פון שטאָל און אײַזן איינער...

— — — — — — — — — — — — — —

צו אײַך איך רעד, געוינים
פון עלעקטראָנישע צײַטן.
איך, דער ליימענער גוילעם,
וויל אף בעסערס ניט בײַטן —
ניט די איינפאכע טוירע,
וואָס מיר האָט מײַן שעפער געגעבן,
ניט מײַן ביטערן גוירל —
שווײַגן דאָס גאנצע לעבן.

מיט א יאָר צוואנציק צוריק האָט דער דיכטער באָריס סלוצקי אָנגע־שריבן די ברייט באוווסט־געוואָרענע ליד וועגן „פיזיקער און ליריקער". עס איז דאָרט בארעכטיקט די אויבערהאנט פון פיזיקער איבער ליריקער. און ס'קאָן זיך דאכטן, דער דיכטער איז גערעכט. אין דער עפּאָכע, ווען עס ווערט געשטורעמט די אלוועלט, ווען דער מענטש האָט שוין ניט איין מאָל געשטעלט זײַן פוס אף דער לעוואָנע און ער קלײַבט זיך שוין צו די

וויַטע פּלאַנעטעס, — אין אַ צײַט פֿון וויסנשאַפֿטלעך־טעכנישער רעוואָ־ליוציע קאָן דען זײַן אַ פֿאַרגלײַך צווישן פֿיזיקער, וועלכע ענדערן די וועלט און באַהערשן זי, מיט ליריקער, וועלכע קאָנען טעכניש גאָרניט אופּטאָן?

פֿונדעסטוועגן, דאַכט זיך מיר, איז דער ייִדישער דיכטער טיפֿער און ריכטיקער צוגעגאַנגען צו אָט דער פּראָבלעם. די פֿיזיקער, די געווינים, די מײַסטערס פֿון עלעקטראָנישע ראָבאָטן, זײַנען טאַקע פֿייִק אַרײַנצודרינגען אין די סודות פֿון אַלוועלט, אָבער זייערע עלעקטראָנישע ראָבאָטן, זייערע גולעמס גיבן זיי צײַטנווײַז איבער אין די הענט פֿון מאַניאַקעס און גולעמס, וועלכע קאָנען סאָפּקאָלסאָף אומברענגען דעם ערדקײַלעך מיט די פֿיזיקער און ליריקער אינאיינעם. די פֿיזיקער זײַנען אין דער לאַגע פֿונעם מאַהאַראַל, ס'איז נאָר אַ פֿראַגע, צי וועלן זיי געפֿינען דעם שעם־האַמפֿוירעש אויף אײַנצוהאַמעווען די עלעקטראָנישע גולעמס...

דער קויעך פֿון די ליריקער באַשטייט דערין, וואָס זיי מאַכן ניט קיין גולעמס, זיי אַפּעלירן צו דער מענטשלעכער נעשאָמע, צו די מענטשלעכע געפֿילן און מענטשלעכע הערצער, וועלכע זײַנען שטאַרקער פֿון אַלע גולעמס און ראָבאָטן פֿון אַמאָל און פֿון הײַנט.

אַזעלכע געדאַנקען זײַנען בײַ מיר אויפֿגעקומען, ווען איך האָב גע־לייענט די „לידער וועגן דעם גולעם”, וועלכע זײַנען עכט ראָמאַנטיש, פּאָעטיש און נאָוואַטאָריש־דרייסט סײַ לויטן אידייִשן אינהאַלט זייערן, סײַ לויט דער פֿאָרם. דער קינסטלערישער מעטאָד פֿון ראָמאַנטיזם, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר ווערגעליסעס דיכטונג ביכלאַל, האָט דאָ אַנט־פּלעקט נײַע מעגלעכקײַטן פֿאַר ווײַטערדיקע שעפֿערישע דערגרייכונגען.

אָן אויסגעשפּראָכענער ראָמאַנטיקער אין דער הײַנטצײַטיקער דיכטונג איז געווען און געבליבן מוישע טייף. דער גרעסטער טייל פֿון זײַנע לי־דער, פּאָעמעס און באַלאַדעס זײַנען ווערק פֿון אַ טיפּישן ראָמאַנטיקער. די געפֿילן, די קאָנקרעטע סיטואַציעס און געשעענישן זײַנען פֿונעם ערשטן קוק אויסטערלישע. זיי זײַנען אָבער פֿון אָנהייב ביזן סאָף פֿאַרבונדן מיטן לעבן. טייפֿס פֿאַרמילכאָמעדיקע פּאָעמעס „וויִאַלאָנטשעל”, „אַ ראָמאַנטי־שע נאַכט”, „פּראָלעטאַרקע, שוועסטער מײַנע” און די סאַמע לעצטע — „דאָס געזאַנג וועגן ברידער”, „דאָס גאָלדענע עפּעלע” — זײַנען ניט קיין געוויינלעכע שטייגער־שילדערונג. דער רעאַלער סוזשעטישער פֿאַקט ווערט דערהויבן און קלינגט ווי אַ מײַסעלע. די געשטאַלטן זײַנען אין

טאָך באַדינגלעכע צייכנס, וואָס פאַרקערפּערן ניט בלויז אָביעקטיווע דער־שיַינונגען פונעם לעבן, נאָר סוביעקטיווע שפּירונגען. אין מ. טייפס ראָ־מאַנטישע ווערק איז וויכטיק ניט דער עצעם סיפּער־האַמיַיסע, נאָר דאָס, וואָס רעגט און וועקט דעם דיכטערס האַרץ, זיַינע איבערלעבונגען, זיַינע אידייען און דיכטערישע טרוימען. ער קומט אָן אָפטמאָל צו דעם פאָלקס־מיַיסעלע, צו דער פאָלקס־ליד, וויַיל זיי זיַינען קימאַט שטענדיק טרוימע־ריש, אָפטמאָל אַפילע פאַנטאַסטיש.

און אַזויאַרום, דורך טראַנספאָרמירטער פאָלקלאָריש־פאַנטאַסטישער, אַפילע ביבליש־מיטאָלאָגישער בילדערישקיַיט, קומט דער דיכטער אין זיַינע ראָמאַנטיש־דערהויבענע ווערק צו עכטע הומאַניסטישע רעוואָליו־ציאָנערע אידייען וועגן מענטשלעכן צוזאַמענלעבן און אויך צו טרויעריק־טראַגישער הישטאַפּכעס־האַנעפעש וועגן די היסטאָרישע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפעס פון אונדזער עפּאָכע:

עס קלאַפּט אין מיַין ברוסט און עס וועקט
דער וואַרעמער אַש פון די הערצער —
פון יענע, וואָס זיַינען אַוועק
אַף קיינמאָל נישט קומען אַהערצו.

דער לעצטער געשריי פאַרן שאָס...
די טרערן פון ריינע נעשאָמעס —
דער הייליקער וויַין אין מיַין קאָס,
אין פיַינלעכן וועג מיַין נייער־טאָמיד.

ווי וויַיט דער ראָמאַנטיזם, און באַזונדערס די טראַדיציעס פון פּערע־צעס ראָמאַנטיזם, זיַינען אַריַינגעדרונגען אין דער היַינטציַיטיקער דיכטונג, איז צו זען דערפון, וואָס די אָנגעזעענסטע ייִדישע דיכטער האָבן אין פאַרשיידענע פאַרבינדונגען אויסגעדריקט זייערע געפילן צו פּערעצן. אין אויסלאַנד האָבן וועגן פּערעצן געשריבן לידער און פּאָעמעס ב. אָליצקי, ל. אָליצקי, מ. באָריישאָ, נ. גאָטליב, י. גלאַטשטיין, נ. גרינבערג, מ. דייטש, מ. האַלפּערן, מ. וואַלדמאַן, ז. וויַינפּער, א. זאַק, ג. טשאַרנעזאָן־שאַיאַק, מ. יאָפע, ב. לאַפּין, ה. לייוויק, מאַלקע לי, א. לעיעלעס, קאַדיע מאָלאָדאָוו־סקע, א. סוצקעווער, י. סלאָנים, כ. פוקס, ל. פיַינבערג, א. ציטלין, ראָכל קאָרן, א. רייזען, ע. רייזמאַן, מ. שולשטיין, ש. שטערן, י. שפּיגל, מ.

שקליאַר, און מיט אָט די דרײַסיק דיכטער שעפּט זיך נאָך ניט אויס דאָס צעטל, וואָס איז צונויפגעשטעלט פון נ. מײַזיל[1].

ה. לייוויק איז נאָענט צו פּערעצעס ראָמאַנטיזם און סימבאָליזם מיט דער טיפקייַט פון וואָרט און בילד, מיטן לײַדנשאַפטלעכן עטיציזם און מיט דעם אינטערעס צו דער הײַנטצײַטיקער נאַציאָנאַל־היסטאָרישער ווירקלעכקייַט און צו דער נאַציאָנאַל־היסטאָרישער פאַרגאַנגענהײַט. אין לייוויקס ליריק און אין זײַנע דראַמעס לאָזן זיך דערפֿילן דער אינטעלעקטואַליזם און דער ראָמאַנטיזם פון י.־ל. פּערעצן. ס'איז דעריבער קיין וווּנדער ניט, וואָס לייוויק האָט געווידמעט פּערעצן צוויי גרויסע לידער. כ'וועל דאָ ברענגען, געקירצט, איינע פון זיי.

אין דײַן זכות, י.־ל. פּערעץ

איך האָב באַם לעבן ניט געקענט דיך. כ'מאָל דיך אויס.
איך קום צו צו אַן אָרט, וווּ ס'איז געווען דײַן הויז,
איך קלאַפּ אָן אין דײַן טיר, וואָס איז שוין מער ניטאָ,
און כ'הער דײַן קאָל פון אינעווייניק: כ'בין דאָ, דאָ־דאָ.
דאָס אַלץ געשעט, כ'וואָלט שווערן, אין אַ סרייפע־שאָ,
עס עפנט זיך דײַן טיר, וואָס איז שוין מער ניטאָ,
דו וואַקסט אויס אויף דער שוועל, וואָס ליגט אויף קויל פאַרברענט,
און לאָזסט זיך שפּאַנען צווישן ווײַטערדיקע פײַער־ווענט.
איך שפּאַן דיר נאָך, ווי דו אין פלאַם אַרומגעכאַפּט,
און אָט דערזע איך, ווי אויך דײַן האַנט האַסטיק קלאַפּט
מיט לעצטקייַט אין אַ טיר, וואָס איז שוין מער ניטאָ,
און ווידער — כ'הער דײַן קאָל נאָך זיכערער: כ'בין דאָ.
און וואָס דערזע איך, ווען די פלאַמען פאַלן אָפּ?
אויף רויכערדיקע כורוועס אַ באַגינען קומט אַראָפּ —
ווי אַלע מאָל אַזוי ווי פון אַ באַרג אַראָפּ אין טאָל —
אַ זון, ווי גאָר אַמאָל, ווי גאָר אַמאָל־אַמאָל.

— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

[1] נ א כ מ ע ן מ ײַ ז י ל. יצחאָק־לייבוש פּערעץ און זײַן דאָר שרײַבער. ניו־יאָרק, 1951, זז. 184 — 214.

כ׳האָב, ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ, דיך באַם לעבן נישט געקענט —
דערקענען איך איצטער דיך צווישן אָפּגעברענטע ווענט,
בא טירן און בא טויערן, וואָס זײַנען מער ניטאָ,
אין זכוס פון דײַן געוויין־געזאַנג: כ׳בין דאָ, דאָ־דאָ.

דער ראָמאַנטיזם איז איין צײַט אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור באַטראַכט געוואָרן אין געוויסע קרײַזן, באַזונדערס אין די ראַפּישע, אַלס פּרעמדער מעטאָד. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס דער ראָמאַנטיזם איז פאַרשטאַנען געוואָרן איינזײַטיק, בלויז ווי אַזאַ מעטאָד, וואָס פירט אַוועק פון דעם רעאַלן לעבן אין דער וועלט פון פאַנטאַסטיק און אין דער ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט. „נידער מיט שילערן!״ — האָט ענערגיש דער־קלערט אַפילע אַזאַ באַדײַטנדיקער קינסטלער, ווי אַלעקסאַנדער פאַדייעוו, וועלכער איז אין טאָך געווען אין זײַנע ווערק („צעקלאַפּט״, „יונגע גוואַר־דיע״ אאַ.) ניט בלויז אַ רעאַליסט, נאָר אויך אַ ראָמאַנטיקער. דאָס האָט באַטײַט — „נידער מיטן ראָמאַנטיזם!״.

אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָט דער קאַמף קעגן ראָמאַנטיזם זיך אויסגעדריקט אין אַ ריי פאַלן אינעם קאַמף קעגן פּערעצן. אַ. ראָזענצווײַג, דער אַוטאָר פון אַ פאָרשונג „דער ראַדיקאַלער פּעריאָד פון פּערעצעס שאַפן״, וואָס איז לויטן פאַקטישן ליטעראַטור־היסטאָרישן מאַטעריאַל אַ באַשטימטער אויפטו אין דער פּערעץ־פאָרשונג, האָט אָבער אַזוי ווולגאַר־סאָציאָלאָגיש באַנומען דעם טאָך פון פּערעצעס ראָמאַנטיזם, אַז עס איז איצט ניט פאַרשטענדלעך, ווי:אַזוי עס האָט געקאָנט דערשײַנען אַזאַ ווערק וועגן דעם גרויסן קלאַסיקער און גרונטלייגער פונעם ראָמאַנטיזם אין דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור.

ערשט אין די פערציקער יאָרן, אין די אַרבעטן פון דאָברושינען, אויסלענדערן, ריווקע רובין, און באַזונדערס אין די זעכציקער יאָרן, אויף די שפּאַלטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ אינעם פּערעץ־יאָר, וואָס איז דער־קלערט געוואָרן צום פופציקסטן יאָרצײַט פונעם שרײַבער, איז דערגרייכט געוואָרן אַ געוויסער סינטעז, וועלכער שאַפט אַ מעגלעכקײַט פאַר ווײַ־טערדיקער פרוכטבאַרער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג פונעם ראָמאַנטיזם, אָן די עקסטרעמע איבערפּלייצונגען, אָן דער אַפּאָלאָגיע און אָן ניהיליזם בענוגייע דעם ראָמאַנטיזם און בענגייע פּערעצן.

אין 1965 זײַנען אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״ פּובליקירט גע־

ווען ארבעטן פון עליע ספיוואק — וועגן פּערעצעס שפּראַך, נ. אויסלענדער — וועגן פּערעצעס פּאָעמעס, יאנקעוו שטערנבערג — וועגן דער פּערעץ־רעוויזיע, יעשוע ליובאָמירסקי — י.־ל. פּערעץ און דער ייִדישער טעאַטער, כ. נאַדעל — צו דער פּערעץ־ביבליִאָגראַפּיע, ארן ראַסקין — א בלעטל פּערעץ־פּובליציסטיק, הערש רעמעניק — י.־ל. פּערעץ און שאָלעם־אַלייכעם, ווי אויך אלגעמיין־פּראָבלעמאַטישע ארטיקלען פון מוישע אלטמאַן און אויזער האָלדעס. אין אָט די ארבעטן און אין די פּאָרטראָגן אף דער וויסנשאַפטלעכער פּערעץ־סעסיע, וואָס די רעדאַקציע האָט צונויפגערופן אין דעם יאָר, זײַנען באַטראַכט געוואָרן קאַרדינאַלע פראַגן פון פּערעצעס יערושע. טרעפלעך האָט געשריבן וועגן פּערעצן מוישע אלטמאַן: „פּערעץ איז געווען פילזײַטיק. פונדאַנען זײַן אומרו, זײַן בלאָנדזשען און זוכן. לויטן טעמפּעראַמענט — אן אקטיווער געזעלשאַפט־מענטש, וועמען עס רעגן אלע פּראָבלעמען, וואָס זײַנען שײַעך סײַ דעם קלאַל, סײַ דעם יאָכיד. לויט דער שטימונג — א לירישער פּאָעט. עס האָבן אין אים געקעמפט דער ראָמאַנטיקער־אינדיווידואַליסט מיטן רעאַליסט, דער פּעסימיסט מיטן אָפּטימיסט, דער נאַציאָנאַלער מאָמענט מיטן אוניווערסאַלן. ער האָט געוואָלט דאָס נאַציאָנאַלע דערהייבן ביז צום אוניווערסאַלן.

אין דעם זין איז פּערעץ אין דער ייִדישער ליטעראַטור געווען אן ערשטער, א וועג־לייגער, עס האָט אים אָבער אויסגעפעלט סוויווע. און סוויווע איז פאַר א קינסטלער לופט צו אָטעמען. דערפון זײַן צעשפּליטערטקײַט, זײַן אומרו, און ער האָט דאַפקע געזוכט שליימעס"[1].

דאָס איז א סינטעטישע כאַראַקטעריסטיק פונעם שרײַבערס שאַפן. אין דער פאָרשונג וועגן שאָלעם־אַלייכעמען און י.־ל. פּערעצן איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן די לעגענדע וועגן די קלוימערשטע פּערזענלעכע עגאָיִסטישע און פּרינציפּלאָזע רײַסערײַען צווישן די קלאַסיקער. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אז זייערע דיסקוסיעס און עסטעטישע שטרײַטן זײַנען געווען פּרינציפּיעלע, פּרוכטבאַרע זוכונגען פון נײַע וועגן פאַר דער אנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין 20־טן יאָרהונדערט; עס איז דערוויזן געוואָרן, אז שאָלעם־אַלייכעם און פּערעץ זײַנען די זײַלן פון צוויי שעפע־

---

[1] מוישע אלטמאַן. מײַן געכאָלעמטער גאַניידן. „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 2, 1965, ז. 133.

רישע גרונט־ריכטונגען און גרונט־מעטאָדן אין דער יידישער ליטעראַטור — פונעם רעאַליזם און פונעם ראָמאַנטיזם.

אויב אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור־וויסנשאַפט איז דער ראָמאַנטיזם אלס שעפערישער מעטאָד, און באַזונדערס פּערעצעס ראָמאַנטיזם, אָפּגעשאַצט געוואָרן אין די צוואַנציקער און אין דער ערשטער העלפט פון די דרייסיקער יאָרן מער אָדער ווייניקער נעגאַטיוו, האָט ער אין אָט די יאָרן געפונען א ריכטיקערע אָפּשאַצונג בא די שרייבער. דאָוויד בערגעלסאָן האָט נאָך אין יאָר 1925 געשריבן: „עס האָבן א טאָעס יענע, וואָס מיינען, אז פּערעץ איז געווען אן איבערדיכטער פון דער כסידיש־הימלשער היימישקייט, אז אָנעמענדיק איר אינהאַלט, איז ער אויסן געווען ניט מער ווי צו באַזינגען אירע פאָרמען...״ „פּערעץ, קאָן מען זאָגן, האָט אויסגענוצט אלע אויצרעס פון דער כסידיש־פאַנטאַסטישער וועלט, קעדיי צו פאַרוואַנדלען דורך זיי דעם מיסטישן הימל אין א בענקעלע בא דער מאַטעריאַליסטישער ערדס פּיס״[1]. אין אן אנדער אָרט האָט בערגעלסאָן כאַראַקטעריזירט פּערעצן ווי „דער רעוואָליוציאָנערער גייסט״[2].

אמערסטן פילט זיך די קראַפט פון ראָמאַנטיזם און סימבאָליזם, און דעריקער טאַקע די ווירקונג און די טראַדיציע פון פּערעצעס ראָמאַנטיזם און סימבאָליזם, אין דער שאַפונג פון דעם ניסטער. דאָס איז זייער בוילעט אין די ווערק פונעם שרייבער אין אלע פּעריאָדן פון זיין שאַפן.

דער ראָמאַנטיזם און דער סימבאָליזם אין דעם ניסטערס ווערק דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס ער שטרעבט, ווי אלע ראָמאַנטיקער און סימבאָליסטן, שעפעריש און קינסטלעריש צו לייזן פּראָבלעמען פון דער היינטצייטיקער עפּאָכע אין דער פאַרגאַנגענהייט מיט דער הילף פון פאַרשייפּערירטע בילדער און געשטאַלטן, פון יענוועלטיקע מיסטישע באַגריפן אין דער פאָרם פון מייסעס, לעגענדעס, מיטאָלאָגישע אוראַלטע און מיטלאַלטערלעכע סוזשעטן. אָבער אפילע ווען דער ניסטער איז אריבער פון סימבאָליזם צו רעאַליזם, ווען ער האָט געשאַפן זיין רעאַליסטישן ראָמאַן „מישפּאָכע מאַשבער״, איז דאָס געווען אן אייגנאַרטיקער רעאַליזם, וועלכער איז ניט געווען פריי פון ראָמאַנטישע טענדענצן. דאָס איז צו זען אפילע

[1] י.־ל. פּערעץ. אין ליכט פון דער יידישער קריטיק. ווילנע, 1940, ז. 159.
[2] י.־ל. פּערעץ. זאַמלונג צו זיין 7־טן יאָרצייט. מינסק, 1922.

דערפון, וואָס אין ראָמאַן „מישפּאָכע מאַשבער" פאַרנעמט אַ באַדײַטנדיק אָרט די שילדערונג פון כסידישן שטייגער און דער כסידישער באַוועגונג אין דער צווייטער העלפט פונעם 19־טן יאָרהונדערט.

דער ניסטער איז נאָך פערעצן דער סאַמע באַדײַטנדיקער פאָרשטייער פונעם ראָמאַנטיזם אין דער ייִדישער ליטעראַטור און אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

פונעם ניסטער איז געגאַנגען די ווירקונג אויף די ערשטע סאָוועטישע פּראָזאַיִקער. מ. ליטוואַקאָוו האָט מיסטאָמ אין זינען געהאַט אָט די דער־שײַנונג, אָנווײַזנדיק, אַז ווען אין דער ייִדישער ליטעראַטור וועט זיך אָנ־הייבן אַ נײַע ריכטונג, „וועט זי האָבן ניסטערן אַלס איינעם פון אירע אויסגאַנג־פּונקטן".

איך האָב שוין געזאָגט, אַז דער ראָמאַנטיזם האָט באַזונדערס געווירקט אויף דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג, און דאָס איז צו זען ניט בלויז אין דער שאַפונג פון די אָנגעזעענסטע דיכטער, נאָר אויך אין דער אַנער־קענונג, וואָס י.־ל. פּערעץ, דער גרונטלייגער פונעם ראָמאַנטיזם אין דער ייִדישער ליטעראַטור, האָט באַקומען אין די לידער פון אַ גרויסער צאָל פּאָעטן. וועגן פּערעצן האָבן געשאַפן לידער לייב קוויטקאָ, איציק פעפער, זעליק אַקסעלראָד, שמואל ראָסין, אווראָם גאָנטאַר, מאָטל האַרצמאַן און מיסטאָמ נאָך אַנדערע.

לייב קוויטקאָ, וועלכער איז לויטן כאַראַקטער פון זײַן שאַפן געווען אַ רעאַליסט סײַ אין דיכטונג און סײַ אין פּראָזע, איז אָבער אין זײַנע ערשטע ווערק, אין בוך „טריט" און אין דער פּאָעמע „רויטער שטורעם", געווען אויך אַ ראָמאַנטיקער, פּינקטלעכער געזאָגט — אַ רעוואָליוציאָנע־רער ראָמאַנטיקער. ס'איז קיין וווּנדער ניט, וואָס אין 1922 האָט לייב קוויטקאָ אין אַ ליד „י.־ל. פּערעץ" פאַרקערפּערט דעם שרײַבערס שעפע־ריש געשטאַלט אין אַ סימבאָלישער פאַראַלגעמיינערונג פון שטורעם און ווינט, וואָס רודערט אויף די פּוסטקײַט אין מידבאָר און רופט צו באַנײַונג:

> קוקט דער ווינט און פּײַניק אָטעמט,
> לעבט דער ווינט און ציט איר בענקשאַפט,
> גלעט און צערטלט מידבאָר־ווײַטן
> און דערציילט פון שטיל און שטורעם
> און פון בלוטיק־יונגן אומרו.

קוויטקאָ האָט אָפּגעדרוקט זײַן ליד אין 1922, אין אַ זאַמלונג, געווידמעט י.־ל. פּערעצן. דאָרט האָט אויך פאַרעפנטלעכט זײַן ליד „פּערעצן" דער יונגער זעליק אַקסעלראָד. די ליד איז אינגאַנצן אויסגעהאַלטן אין ראָמאַנטישן סטיל, אַפּילו לויט דער שפּראַך און בילדערישקײַט.

מיט דער אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור האָט זיך געביטן דער שטאַנדפּונקט אַפן ראָמאַנטיזם. איצט וואַרפט ניט אָפּ די מאַרקסיסטישע ליטעראַטור־קענטעניש און די סאָוועטישע ליטעראַטור דעם ראָמאַנטיזם, נאָר זי יאַרשנט דאָס פאָרגעשריטענע אין אים. אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור ווערט ניט אָפּגעוואָרפן פּערעצעס ראָמאַנטיזם און דער ראָמאַנטיזם פון אַנדערע יידישע שרײַבער.

איציק פעפער, וועלכער איז ביכלאַל געווען אַ דיכטער אַ רעאַליסט, האָט אָבער אָרגאַניש פאַרבונדן זײַן רעאַליזם מיט ראָמאַנטישע מאָטיוון. דער רעוואָליוציאָנער־ראָמאַנטישער סטיל איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם ערשטן עטאַפּ פון פעפערס שאַפן, פאַר זײַנע ראָמאַנטישע פּאָעמעס וועגן בירגערקריג („יאַטן", „עליעס טויט" און אַנד.). אָבער אויך אין די באַלאַדעס פון די פערציקער יאָרן וועגן דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע און אין דער פּאָעמע „שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ" לאָזט זיך שטאַרק פילן דער גײַסט פון ראָמאַנטיזם. עס איז דעריבער קיין וווּנדער ניט, וואָס פעפער, וועלכער האָט אונטערגעשטראָכן די ענגסטע פאַרבינדונג פון זײַן דיכטונג מיט דער שאַפונג פונעם רעאַליסט און הומאָריסט שאָלעם־אַלייכעם, איז אויך ניט געווען גלײַכגילטיק צו פּערעצעס ראָמאַנטיזם. פּערעצן האָט ער געווידמעט די ליד „אַ ווענדונג צו פּערעצן", וועמען ער באַטראַכט ווי אַ גרונטלייגער פון דער נײַער יידישער ליטעראַטור צוזאַמען מיט די אַנדערע קלאַסיקער.

אין דער יידישער סאָוועטישער דיכטונג איז פּערעץ און זײַן ראָמאַנטיזם געוואָרן אַ שעפערישע טעמע, קימאַט ווי שאָלעם־אַלייכעם, וואָס זײַן שאַפונג האָט אַריבערגעשפּאַנט די נאַציאָנאַלע גרענעצן פון דער יידישער ליטעראַטור. פּערעץ אַלס קינסטלער איז באַגרענעצט מיט נאַציאָנאַלע ראַמען לויטן אינהאַלט פון זײַן שאַפן. אָבער זײַן באַדײַטונג אַלס גרונטלייגער פונעם ראָמאַנטיזם איז אַרײַן אין באַוווסטזײַן פון די הײַנטצײַטיקע יידישע דיכטער. אווראָם גאָנטאַר, לעמאָשל, פילט זײַן קרויוועשאַפט צו

פערעצן. ער דערקלערט גאַנץ אָפן: „כ'זינג איצט דײַנע לידער". די דאָזי־קע קרויוועשאַפט פון דיכטערישע דוירעס עקזיסטירט ביז איצט:

יאָ, איך גלייב דיר, דיכטער!
האָסט מײַן האַרץ געפאַנגען,
צו מײַן שטילן שטיבל
איז דײַן וואָרט דערגאַנגען.

מאַקסים גאָרקי האָט געשריבן, אַז רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיזם איז דער פּסעוודאָנים פונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם. אין דער ייִדישער סאָ־וועטישער ליטעראַטור, אין דער שאַפונג פון די עלטערע דוירעס פּראָזאַי־קער און דיכטער און אין די ווערק פון די הײַנטצײַטיקע שרײַבער, האָבן די בעסטע אייגנשאַפטן פונעם רעאַליזם און ראָמאַנטיזם געפונען זייער סינטעטישע אַנטוויקלונג אינעם שעפערישן מעטאָד פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור — אין סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

● ● ●

אינהאַלט

1. טראַדיציעס. ווירקונגען. נאָוואַטאָרישקייט 3
2. דאָס נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע אין דער ליטעראַטור 17
3. אַנטוויקלונג פון מעטאָדן און סטילן. רעאַליזם 32
4. די אַנטוויקלונג פון מעטאָדן און סטילן. ראָמאַנטיזם 51

הערש רעמעניק

פראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקער
ייִדישער סאָװעטישער ליטעראַטור

מ., „סאָװעטסקי פּיסאַטעל", 1980, 64 זײַטן
קינסטלער ג. קראַװצאָװ
קינסטלערישע און טעכנישע רעדאַקטור —
ס. טשערניאַק, יע. קאַפּלאַן
קאָרעקטאָר — ב. גערשמאַן

Г. Ременик

ПРОБЛЕМЫ СОВРЕМЕННОЙ
ЕВРЕЙСКОЙ СОВЕТСКОЙ ЛИТЕРАТУРЫ

М., «Советский писатель», 1980, 64 стр.
Под общей редакцией А. Вергелиса
Художник Г. Кравцов
Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан
Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 29.II-1980 Подписано к печати 14.IV-1980
Формат 70×108 1/32. Бумага типографская № 1 Печ. л. 2.
Условн. печ. л. 2,74. Бум. л. 1. Заказ 2033

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва 121019, пер. Аксакова, 13.

Supplement to "Sovietish Heimland" No 5, 1980

© Журнал «Советиш геймланд», 1980